THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
CIRCULAT
ALL OV
CANA
AND AD

א נאציאנאל-אידי־
שע צייטונג פאר
אידישע און קענע־
דער ענינים בפרט
און פאר אלוועלט־
ליכע ענינים בכלל,
און וועלכע איז אנ־
ערקענט איבעראל
אלס אזעלכע. —

VOLUME III. No. 925 — Toronto, Sunday March 19-th. 1916 — יד״ אדר ב״ פרשה שמיני תר״עו פורים — זונטאג, מערץ דער 19־טער 1916 — PRICE : ONE CENT

שיקט היינט משלוח מנות פאר די מלחמה קרבנות

שיקט משלוח מנות פאר די מלחמה קרבנות.

דער ערשטער צו שיקען משלוח מנות פאר זיי, זענען געוועזען די ברידער דווארקין.

פרייטאג איז אין אפיס פונ'ם "אידישען זשורנאל" דערהאלטען געווארען א טשעק פון 10 דאלאר אלס משלוח-מנות געלד פאר די מלחמה קרבנות.

ווער וועט נאכפאלגען זייער בייש־פיעל? שיקט טשעקס אדער קעש, ווייל יעדער סענט איז נויטווענדיג.

היינט צוויי אזייגער בייטאג וועט אין דער מיקאהל שוהל פארקומען א גרויסער קאנצערט פאר די מלחמה קרבנות און אין קאנצערט וועלען זיך בעטהייליגען חזן מאנאוויטש און זיין כאהר, פראפעסאר גלאז'ס קינדער בענד, און פיעלע אנדערע קרעפטען, חוץ פיעלע רעדנער.

מיקאהל שוהל דארף היינט זיין איבערגעפאקט.

גערענקט היינט אן די מלחמה קרבנות, און זייט מקיים די מצוה פון מתנות לאביונים.

זאמעלט היינט אין שוהל ביי די מנינים און אלע אנדערע פלעצער, וואו איהר וועט זיך נור צוזאמענקומען.

א גרויסער קאנצערט אין מעקאל שוהל היינטיגער טאג געהערט צו די מלחמה קרבנות.

אין שוהל, אדער אין דער היים, וואו איהר זאלט זיך ניט געפינען, איבעראל האט אין זינען די מלחמה קרבנות.

דער טאראנטאר מלחמה הילפס קאנפערענץ וועט היינט מאכען קאלעקשאנס אין אלע שוהלען, גיט ביי דיעזע קאלעקשאנס מיט א פרייגיבענער האנד.

אויב אייער שוהל, מנין, אדער קאנגרעגיישאן, וועט דורך א טעות פון קיין קאמיטע ניט בעזובט ווערען, מאכט אליין דעם קאלעקשאן און שיקט אריין דאס געלד צום טרעזשורער פונ'ם קאנפערענץ ה. וויינבערג.

ווען די וואלונטירען וועלען היינט צו אייך קומען נאך די צעהן סענטיגע, גיט זיי עקסטרא משלוח מנות פאר אייערע ברידער און שוועסטער פון יענער זייט ים.

די ענדע פון דער מלחמה איז נאהענט

פערזיכערט פראנצויזישער פינאנץ מיניסטער.

פאריז מערץ 18

"מיר זיינען צוגעקומען צו דער ענטשיידענדער שטונדע", האט געזאגט אלעקסאנדר ריבא דער פינאנץ מיניסטער, רעדענדיג נעכטען אווענד אין דעפוטירטען קאמער איבער דער פינאנציעלער און מיליטערישער סיטואציאן. "מיר קענען זאגען אהן וועלכע עס איז גוזמאות, אהן איללוזיאנען און אהן פוסטען אפטימיזם דאס מיר געהען שוין איצט די ענדע פון דיעזער שרעקליכער מלחמה."

דיעזע פאר ווערטער פון דעם פינאנס מיניסטער, ריבא, ווערען בעטראכט פאר זעהר וויכטיג. זיי ווייזען אן די אפיציעלע מיינונג בנוגע דעם רעזולטאט פון דער שלאכט ביי ווערדון.

דא איז ניט די פראגע צי שלום איז זעהר נאהענט אדער ניט זעהר נאהענט, עס איז אבער אהן צווייפעל וויכטיג אז די אנגעצויגענע שטימונג אין פראנקרייך איז שוין ניט מעהר אנגעצויגען, ווייל מען איז זיכער אז דאס רעדעל דרעהט זיך זעהר שנעל צו גונסטען די פראנצויזען.

פינף דייטשע אטאקען אויף ווערדון צוריק געשטויסען

פאריז, מערץ 17

נעכטען אווענד האבען די דייטשען געמאכט נאך אן ענטשלאסענעם פערזוך צו נעהמען די פעסטונג מיט'ן דארף וואָ, אין צפון זייט פון ווערדון.

מאסען סאלדאטען האט דער אטאקירענדער צו בענוצט אין דיעזער שפיעל. פינף בעזונדערע אטאקען זיינען אין איינער און אין דערזעלבער צייט געמאכט געווארען אויף די פראנצויזישע פאזיציאנען. יעדע אטאקע האט זיך צעפאלען דורך דעם פראנצויזישען "פארהאנג" פון פייער און דורך די מאשין-הארמאטען לוסטען אין די רייהען פון די אטאקירענדע דייטשען.

פאר דיעזען נייעם פערזוך דורך צו ברעכען זיך דורך די פראנצויזישע פערטיידיגונגס פונקטען, איז פארגעקומען א מארט פארשפיעל פון א שרעקליך גרויסען ארטילעריע פייער געריכטעט געגען דער פעסטונג און געגען דער גאנצער סיסטעמע פון דער פראנצויזישער פערטיידיגונג אין יענער געגענד. נעכטען אווענד אכט א זייגער האט די דייטשע אינפאנטעריע זיך ארויסגעריסען פון די טרענטשעס אונטער'ן צודעק פון דער ארטילעריע און האט זיך געווארפען אין בעזונדערע אבטהיילונגען אויפ'ן דארף וואָ, אויף די אבהענגע וואס וועלכע האבען פעראורזאכט שווערע פערלוסטען צו דער פעסטונג, און אויף די פראנצויזישע פאזיציאנען בעשטרייטענדיג א וועג אין דרום מזרח פון דארף.

ארום און ארום זיינען, אלזא געמאכט געווארען צוויי אטאקען אויפ'ן דארף, צוויי אטאקען אויף די אבהענגע וואס פיהרען צו דער פעסטונג, און איינע כדי צו בעזיטצען דעם וועג.

ז קיין אינפאנטעריע טהעטיגקייט איז היינט ניט פארגעקומען אין ווערדונער ראיאן. דאס ארטילעריע פייער איז געוועזען העפטיג אין די געגענדען פון הואמאן און דאמלו, אויף דעם מזרח ברעג פון טייך מאאס און פון צייט צו צייט אויף דעם מערב ברעג ארום דער וועווער געגענד. נעכטען אין אווענד האט זיך שטארק געמערקט אז דאס פייער אויף דעם מערב ברעג איז פערקלענערט געווארען; דאס איז געשעהען נאכדעם ווי די דייטשען האבען דערפיהלט דאס זיי בעצאהלען צו פיעל לעבענס פאר'ן לוקסוס פון אטאקירען אהן שום ערפאלג.

נעכטען אווענד האט א פראנצויזישע אבהאלטונג געמאכט אן איבערראשונגס אטאקע אויף א בלוט ארט פון די דייטשע ליניעס אין וואלד מארמאר, אין מערב זייט פון פאנט-א-מוסאן, נעהמענדיג איניגע געפאנגענע.

די לאגע פון דייטשלאנד ווערט ערנסט

לאנדאן מערץ 17.

אין אן אינטערוויו האט היינט לארד ראבערט סעסיל, דער בלאקאדע מיניסטער געזאגט: אפיציעלע ידיעות פון דייטשלאנד און פון אנדערע קוועלען לויטען: דאס די אינדוסטריעלע, סאציאלע און עקאנאמישע קאנדיציאנען אין דייטשלאנד ווערען פון טאג צו טאג ערגער."

לארד ראבערט האט זיך אויך אויסגעדריקט אז די ענגלישע בעציהונגען מיט שוועדען זיינען איצט בעסער און גלאטער ווי תמיד, זעהר שטארק נייגעריג זיי אנצוהאלטען אויף העמזעלבען באזיס.

רוסען פערכאפען א שטאדט ביים טייך פרת

פעטראגראד מערץ 17.

די רוסען וואס אוואנסירען פון ערזערום האבען פערנומען די טערקישע שטאדט מאמאחאטאן, אויפ'ן טייך פרת, נאך א שלאכט, אין וועלכער די טערקען האבען געהאט א מפלה פערלירענדיג. א צאהל הארמאטען און געפאנגענע.

דער אפיציעלער בעריכט לויטעט ווי פאלגט:

"מיר האבען פערנומען די שטאדט מאמאחאטאן אויפ'ן טייך פרת, נאך א שלאכט וועלכע איז פארגעקומען זעכציג מייל אין מערב פון ערזערום, פערכאפענדיג פינף קאנאנען און מאשין הארמאטען א טראנספארט מיט לעבענסמיטעל, נעהמעריג געפאנגען 44 אפיצירען מיט 77 סאלדאטען.

ענטדעקט א ברייעל אין מאנטרעאל

מאנטרעאל, מערץ 17

א ברייזעל פון שנאפס, פון צוויי טויזענד גאללאן, אין צייט ווען עס האט געהאלטען אין ארבייטען, איז ענטדעקט געווארען אין סאמע הארץ פון דער שטאט נעכטען אווענד.

ענטדעקט האבען עס פייערלייט ווען; זיי האבען געארבייט צו פערלעשען א פייער אין 321 וועסט קראיג סטריט, בעקאנט אלס דער בארבער קאללעדזש.

אויסער וואס די "בראנפען פאבריקאנטען" האבען געמאכט איין שווינדעל האבען זיי געטהון נאך עטוואס: זיי האבען פאר זייער ברייזעל גע'גנב'עט גאז פון דער קאמפאני, אזוי אז ווארעמען וואסער און א. וו. האט זי קיין געלד ניט געקאסט.

דאס ברייזעל איז צוגענומען געווארען פון רעוועניו בעאמטען בראבאן.

רומעניען שיקט סאלדאטען

פאריז מערץ 18

אין א טעלעגראמע פון האוואס קארעספאנדענט אין בוקארעסט רומעניען ווערט ערקלערט אז גרויסע מחנות סאלדאטען ווערען געשיקט צום בולגארישען פראנט. צוליעב דעם איז אבגעשטעלט געווארען דער אייזענבאהן צווישען בוקארעסט און רען.

אין רומעניען ערקלערט דער קארעספאנדענט איז פאר צעהן טאג אבגעשטעלט געווארען דער פאסאזשיר פערקעהר אויף דער אייזענבאהן צווישען בוקארעסט און פרעדעאל אויפ'ן אונגארישען פראנט.

איפמערקזאם

צוליעב מאנגעל אין פלאץ זענען היינט ניט אריין די שטענדיגע פארזעצונגען פון די ראמאנען, געשיכטע פון קענעדער רייכטהום, ווי אויך א פורים פעלעטאן פון ח. א. שובין.

זיי וועלען אלע זיין געדרוקט אין מארגענדיגען נומער.

דריי ענגלישע לופט פליהער פאלען צום טויט

לאנדאן מערץ 17

דריי ענגלישע לופטפליהער, לייטענאנט דזשאהנסטאן, באמאן, און לעידלא, זיינען היינט געטויטעט געווארען אין אן עקסידענט ווערענד זיי האבען געמאכט עקספערימענטען אונטערן הימעל.

די לייטענאנטען דזשאהנסטאן און באמאן זיינען געטויטעט געווארען אויפ'ן מזרח ברעג פון סקאטלאנד און לייטענאנט לעידלא ניט ווייט פון דעם עראדראם אין הענדאן, ענגלאנד.

טערקישער קריעגס מיניסטער לעבט נאך.

בערלין מערץ 18

א אפיציעלע טעלעגראמע פון קאנסטאנטינאפעל מעלדעט אז ענוור פאשא דער טערקישער קריעגס מיניסטער האט זיך אהער אומגעקעהרט פון אן אינספעקציאן רייזע וואס ער האט געמאכט אין סיריע, פאלעסטינא, און אראביען.

מיט עטליכע טאג צוריק האט א טעלעגראמע פון אטהענס געמעלדעט אז דיא טערקישע רעגיערונג האט בעשטימט א נייעם קריעגס מיניסטער, ווייל דער קריעגס מיניסטער ענוור פאשא איז ערמארדעט געווארען.

400,000 זענען געפאלען טויט זייט אנפאנג פון דער מלחמה

לאנדאן מערץ 18

לויט א טעלעגראמע פון בודאפעסט אונגארען צו דער מארגען פאסט.

איז אין בודאפעסט פערעפענטליכט געווארען, א ליסטע פון די טויטע וועלכע זענען געפאלען אויף די פערשיעדענע שלאכט-פעלדער זייט די מלחמה האט אויסגעבראכען.

די ליסטע ענטהאלט 4,100,000 סאלדאטען.

עס ווערט אבער ערקלערט אז 60 פראצענט פון דער צאהל זענען געווען פערוואונדעטע פון וועלכע 2,500,000 זענען אויסגעהיילט געווארען און האבען זיך צוריק געקעהרט צו די שלאכט-פעלדער.

עס ווערט אויסגערעכענט אז ארום 400,000 אונגארען זענען געפאלען טויט אויף די פערשיעדענע שלאכט-פעלדער זייט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען.

ארבייטער דעפוטאציע ביים פרעמיער

פרויען רעכטע ניעדערגעשטימט אין דער לעדזשיסלייטשור.

א דעפוטאציע פון ארבייטער, פארשטעהער פון טריד און לייבאר קאנגרעס, פון לייבאר עדיוקיישאנאל אסאסיאיישאן אין אנדערע פראמינענטע ארבייטער פיהרער האבען נעכטען געהאט א קאנפערענץ מיט פרעמיער הוירסט און די איבעריגע מיטגליעדער פון קאבינעט.

די ארבייטער עדפוטאציע האט פארגעלייגט פאר זיי פערשיעדענע פארשלאגע און האבען געבעטען אז אויף דעם זאלען געפאסט ווערען געזעצע. צווישען פערשיעדענעם וואס די דעפוטיציע האט פארגעלייגט איז געווען פאלגענדעס:

אבשאפען די "פראפערטי קוואליפיקיישאנס" אין מיוניציפאלע וואהלען.

געבען פרויען שטים רעכט.

אויס בעסערונגען צום ארבייטער קאמפענסיישאן אקט.

עס זאל אריינגעשטעלט ווערען א פונקט פון א מינימום וויידזש און אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאג אין אלע היידרא קאנטראקטען, אלע פריוואטע דעטעקטיווס זאלען שטעהן אונטער רעגיערונגס לייסענס.

עס זאלען עטאבלירט ווערען לאנטש צימערען אין די פאבריקען.

דער עלעקשאן אקט זאל אזוי אויסגעבעסערט ווערען אז אייזענבאהן לייטע זאלען קענען שטימען, ווען זיי זענען אויפ'ן וועג, און נאך איינינע פאדערונגען.

פרעמיער הוירסט האט געענטפערט דער דעפוטאציע, אז די פאדערונגען וועלכע זענען פארגעלייגט געווארען פון דער דעפוטאציע וועט די רעגיערונג נעהמען אין אנבעטראכט, די פראגע וועגען דעם פונקט אין די היידרא קאנטראקטען האט דער פרעמיער ערקלערט וועט ער פארלייגען פאר דער היידרא קאמיסיע.

די פראגע צו געבען פרויען שטים רעכט איז נעכטען פארגעקומען אין דער לעדזשיסלייטשור, דער ביל איז פארגעלייגט געווארען פון מר. ב. מעקדאנאלדס.

ער האט ערקלערט אז די פראגע איז שוין עטליכע מאהל דיסקוטירט געווארען אין דער לעדזשיסלייטשור, אבער פיעלע מיטגליעדער נעהמען עס אן אלס א וויץ. עס איז פערשטענדליך אז פיעלע מאל מיט יאהרען צוריק האט מען פון די פראהיבישיאניסטען געמאכט דעם זעלבען וויץ, אבער וואס איז יעצט?

אין אונזער פראווינץ זענען בלויז דא צוויי סארטען מענשען וועלכע האבען קיין שטים רעכט ניט, און דאס זענען משוגעים און פערברעכער.

אויב אייערע פרויען זענען, איינע פון די, דאס הייסט משוגעים אדער פערברעכער דאן פאדער איך ניט פון אייך איהר זאלט שטימען פאר'ן ביל.

פרעמיער הוירסט האט ענטפערנדיג אויפ'ן פארשלאג ערקלערט, אז ער איז געגען דעם ווייל היינט צו טאג איז די פאדערונג פאר פרויען רעכטע ניט קיין אלט וועלטליכע, און זאגאר פרויען אליין זענען געגען דעם און וויבאלד אז די פרויען האבען צווישען זייערע אייגענע רייהען גענער דאן איז פערשטענדליך אז די מענער דארפען זיך וועגען דעם ניט נעהמען שטארק צום הארצען דער ביל איז נידערשטימט געווארען.

ווערזשע האט געזונקען די האלענדישע שיף?

לאנדאן מערץ 18

פון דייטשע קוועלען פערזיכערט מען אז די האלענדישע שיף "טובאנטיא" איז געזונקען געווארען פון א ענגלישער טארפידא.

די ענגלישע אדמיראליטעט האט אבער פערעפענטליכט אז קיין ענגלישע סאבמארינס זענען גאר ניט געווען אין יענעם געגענד אין דער צייט ווען די האלענדישע שיף איז געזונקען געווארען.

די שיף איז דאך אבער פארט געזונקען היינט ווערזשע האט זי געזונקען.

טערקען מאכען אן אטאקע אויף אדען

לאנאדן מערץ 18

טערקישע סאלדאטען געפיהרט פון דייטשע אפיציערען האבען געמאכט אן אטאקע אויף די ענגלישע טרופען וועלכע פערטהיידיגען דעם אדען פראנט אין אראביען.

די אטאקע איז געמאכט געווארען דעם 16־טען מערץ, די טערקישע טרופען זענען אבער צוריקגעשטויסען געווארען.

דיעזע מעלדונג קומט אפיציעל פונ'ם קריעגס אפיס.

דער בייבעל ביל
אין דזשערזי סטייט געהט דורך.

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק מערץ 18

דער בייבעל ביל אין דזשערזי סטייט איז אין סענאט אנגענומען געווארען מיט זיעבצעהן שטימען געגען פיער. אידען וועלען ארויסטרעטען געגען ווען עס וועט פארקומען פאר דער אסעמבלי. אדער מען וועט ארבייטען דאפיר אז דער גאווערנאר זאל איהם וועטאאירען.

אידיש בעזיעגט העברייאיש

לאנדאן מערץ 17

די קאנפערענץ פון דער חברה מיפצי השכלה" וואס איז אפגעהאלטען געווארען דיא לעצטע עטליכע טעג אין פעטראגראד האט בעשלאסען אז אידיש און ניט העברעאיש זאל געלערענט ווערען אין סקוהלס וואס זי האט געעפענט פאר די קינדער פון די אידישע רעפיודזשעס.

דיעזער בעשלוס איז אנגענומען געווארען נאך א שטירמישע דעבאטע, אין וועלכער דיא העברעאיסטען אונטער דער לייטונג פון פאעט ביאליק האבען געקעמפט פאר העברעאיש.

דיא זעלבע קאנפערענץ האט אויך בעשלאסען צו מאכען אין דער צוקונפט אדעס אלס צענטער פון אידישע דרוקערייען אנשטאט ווארשא און ווילנא. וועלכע זיינען ביז אהער געווען דיא הויפט צענטער.

נאך א בעשלוס האט דיא קאנפערענץ אנגענומען צו ערציהען שנעל אידישע לעהרער אויף דעם פלאץ פון דיא גרויסע צאהל אידישע יונגע לייט וועלכע זיינען אומגעקומען אין מלחמה.

פינף מיליאן כינעזער גרינדען א רעפובליק פאר זיך.

האנקאנג מערץ 18

די פראווינץ קוואנג־סי האט זיך ערקלעהרט אונאבהענגיג פון דער כינעזישער רעגיערונג. די פראווינץ האט זיך צובונטעוועט האט זיך ערקלעהרט אלס א רעפובליק פאר זיך.

קוואנג סי האט א שטח פון אונגעפעהר 80 טויזענד סקוועיר מייל מיט א בעפעלקערונג פון פינף מיליאן כינעזער.

וואס דער סוף וועט זיין פון דיעזער נייער רעפובליק און איבערהויפט וועגען אלע איינצעלהייטען וועט מען מוזען האבען גערולד און ווארטען אויף שפעטערע ידיעות.

אין דייטשען רייכסטאג

לאנדאן, מערץ 17.

אין צייט פון נעכטיגער זיצונג פון רייכסטאג זיינען פארגעקומען אונרוהיגע סצענעס, לויטעט א קאפענהאגענער דעפעשע צו דער עקסטשיינדזש טעלעגראף קאמפאניע.

א גרויסע אויפרעגונג האט פעראורזאכט א רעדע פון סאציאליסט קארל ליעבקנעכט. ער האט געזאגט דאס אין פיעלע קרייזען אין דייטשלאנד האט מען בעטראכט דעם מארד פון קרוינפרינץ פערדינאנד פון עסטרייך אין סאראיעוואָ, אלס א "מתנה פון זיין ליעבען נאמען".

דאס האט ארויסגערופען א גרויסען טומעל אזוי אז די זיצונג האט ניט געקענט אנגעהן מיט איהר ארבייט און האט געמוזט געשלאסען ווערען.

דר. קארל העלפפעריך, דער פינאנץ סעקרעטאר האט נעכטען פארגעשלאגען דעם בודזשעט פאר'ן נייעם יאהר און בילס פאר קריעגס טעקסעס.

אין זיין בודזשעט האט ער די קריעגס טעקסעס ניט איינגעשלאסען, וועגען זיי האט ער גערעדט בעזונדער. אנציינענדיג אויף דער פערגרעסערונג פון אינטערעסט אויפ'ן לאנדס שולדען האט ער ערקלעהרט דאס די סומע פון 1 ביליאן מיט 268 מיליאן וואס דער אינטערעסט האט בעטראפען פאריגעס יאהר האט ער זיך דאס יאהר פערגרעסערט אויף צוויי ביליאן מיט 303 מיליאן מארק.

לויט זיין נייעם בודזשעט וועט איהם אריין קומען פרישע 10 מיליאן מארק וועכענטליך צו העלפען אנפיהרען די מלחמה.

אמעריקאן דזשואיש קאמיטע נעהמט ניט אן איינלאדונג צום קאנפערענץ.

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו־יארק מערץ 18

די אמעריקאן דזשואיש קאמיטע האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען אן איינלאדונג צו דער קאנפערענץ אין פהילאדעלפיא ווייל זי בעטראכט דאס אבצוהאלטען א קאנגרעס אין איצטיגען מאמענט איז געפעהרליך און ווייל אזעלכע קליינע ארגאניזאציאנען ווי די ציוניסטישע פרויען ארגאניזאציאן הדסה איז ערלויבט צו האבען דיעזעלבע צאהל דעלעגאטען ווי די אמעריקאן דזשואיש קאמיטע.

פייער פערניכטעט זיעבען הייזער

אין פייער מאן שווער פערוואונדעט

נעכטען 10 א זייגער האט אויסגעבראכען א פייער אויף פארטלאנד סטריט וועלכער האט פערניכטעט די הייזער פון נומער 17 ביז 29, די הייזער זיינען געווען ליידיג, און בלויז אין נומער 23 האבען זיך געפונען מענשען.

דער פייער איז געווען אזוי שטארק אז פון אנפאנג האט אויסגעוויזען אז די גאס וועט ארונטער מיט פייער אבער די שטארקע אנשטריינגונג פון די פייער לייטע האט עס פערמידען 5 פון די זיעבען אבגעברענטע הייזער זענען געווען פון ראקעסט און דערפאר האבען זיי אזוי שנעל געברענט.

דער ערשטער צו בעמערקען דעם פייער איז געווען א פאליסמאן וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן ביט אין יענער גאס, ער האט ארויסגערופען די פייער לייטע פון פארטלאנד סטריט סטיישאן וועלכע זענען געווען גלייך אויפ'ן פלאץ.

פייער מאן הארווי טאדי, איז שטארק פערוואונדעט געווארען אין דעם פייער און האט געמוזט צוגענומען ווערען אין האספיטאל.

דער פייער מאן איז געגאנגען בעקוקען דעם צווייטען שטאק, ווי ווייט דער פייער האט דארט דורכגעדרונגען, צוליעב דעם שטארק געדיכטען רויך האט ער ניט געזעהען און איז אריינגעפאלען אין א עפענונג וועלכע איז געווען דורכגעברענט אין פלאר.

עס האט אבער לאנג ניט גענומען און דער פייער איז אויסגעלאשען געווארען, די אורזאכע פון וואנען דער פייער האט זיך גענומען איז אונבעקאנט.

אלע וויסען שוין

אז דייוויד קעסלער, דער גרויסער אידישער קינסטלער שוישפיעלער וועט שפיעלען שבת אווענד "דאס הארץ פון א אידישער פרוי".

ער וועט שפיעלען אין מאסעי האלל, כדי אלע זאלען האבען די געלעגענהייט איהם צו בעוואונדערען.

ניט בלויז ער אליין, נאר זיין גאנצע סטאר קאמפאני.

צו הערען גוטע מוזיק הייסט ענטוויקלען דעם אויער פאר שעהנע קלאנגען; זעהען שעהנע קונסט בילדער, שעהנע קאלירען רייכע דעקאראציאנען מיינט ענטוויקלען דאס אויג פאר דאס שעהנע וואס גאט אויף דיעזער שעהנער וועלט בעשאפען.

צו זעהן א שעהנע פיעסע געשפיעלט פון אמת גוטע שוישפיעלער הייסט ווערען בכלל אן ענטוויקעלטער מענש.

אז מען זעהט א "פורצע" שפיעלען, א קאליקע א שוישפיעלער הייסט עס, מיינט ווערען א גרעסערער נאר ווי מען איז געוועזען.

דאס לעבען איז קורץ. געהט זעהען גוטע שוישפיעלער און האט הנאה.

דייוויד קעסלער איז א גרויסער קינסטלער דאס וויסען אלע.

א ראדימער איד דערצעהלט אין א בריעף זיינע צרות.

צו מר. ט. בלומאן פון 112 טעראלי סטריט שרייבט זיינער א פריינד יחיאל יעקב טענובים פון ראדאם וועלכער איז אנגעקומען דורך יאפאן אין פילאדעלפיע.

ער בעשרייבט אין קורצען וואס מיט איהם האט פאסירט, ווי פאלגט:

"אלס ענטפער צו דיין בריעף קען איך דיר שרייבען אז ניין טאג אין תמוז 9 א זייגער אין דער פריה האבען מיך סאלדאטען ארויס גענומען פון געוועלב און האבען מיך שיעור צום טויט געשלאגען, מען האט מיך געוואלט הענגען, נאר גאט האט געהאלפען און מען האט מיך צוגענומען אין טורמע, מען האט מיך ארומגעשיקט, אין סעדליעץ, מינסק, ארשא, און מאהליאוו. צוזאמען האב איך זיך אין די טורמעס געוואלגערט 159 טאג, איצט קען איך דיר שרייבען אז א יאהר פאר דער מלחמה האב איך מיך אריינגעצויגען אין ראדאם.

וואחינצק איז געבליעבען אין בעסטער ארדנונג ווייל דער דייטש האט גענומען יאגען האט ער אריבער געיאגט וואחינצק.

דער חזיר האט קיין צייט ניט געהאט חרוב צו מאכען, דער פאר האט שוין נעבאך היירזבניק געליטען פאר אלעמען. אום אויסצושרייבען אלעס בין איך ניט אים שטאנד, פון יענע צרות דארף מען אנשרייבען א גאנצען בוך.

געווינט א סקאלערשיפ

א. ב. בענעט, וועלכער איז גוט בעקאנט צו די לעזער פון "זשורנאל" זייענדיג אפטער מיטארבייטער אין אונזער צייטונג און וועלכער שטודירט אין קווינס יוניווערזיטי קינגסטאן. האט די טעג געוואנען א סקאלערשיפ וועלכער בעטרעפט ארום 500 דאלאר יעהרליך.

הערר בענעט, וועלכער ארבייט יעצט אויף א פהי. די. טיטעל, וועט פארטזעצען זיין שטודיום אין קארנעל יוניווערזיטי, וואו ער וועט זיך ספעציאליזירען אויף דער געביעט פו פאליטישע עקאנאמיע.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג פרעזי־
דענט פון דעם
,,אידישען זשורנאל"
שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט
טאגעס קורס.

36

סענט (פאר רובעל)
מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט צו אלע טהיילען
פון דער וועלט.

ג. קעש דזשועלרי סטאר

קומט אייך איבערראשען מיט סייוען געלד. זא ווי מיר ווילען בעציהרען יעדען איינעם מיט שעהנע ראיעלע דזשועלרי דיימאנד נעקלייס, בראסלעטס, וואטשעס, טשיינס, רינגס פינס, און זא ווייטער מיט ספעשעל פרייזען, וועלכע מיין וואונש איז איהר זאלט זיך איבערציינען פאר קעש אדער וועכענטליכע אבצאהלונגען צו יעדען עהרליכען מענשען. מיין אדרעס:

THE G. KASH JEWELLERY CO.
162 AGNES ST. TORONTO

מ. שלאכטער פאטאגראפער

אפערירט לכבוד פסח דעם אלגעמיינעם פובליקום

1 דאזען קאבינעט בילדער פאר $2,50 און העכער

און א פרייען פרעזענט א פערגרעסערטעס בילד, סייז 16 ביז 20 מיט יעדען ארדער.

1 דאזען פאסט־קארד סייז בילדער פאר 75 סענט און העכער.

אין א פרייען פרעזענט, א קאבינעט בילד אין א פאלדער בוך.

דאס אידישע פובליקום איז ערזוכט אויסנוצען דיזען אונגלייבבארען אפפער. קומט ווי אם שנעלסטען אום איהר זאלט זיין איינער פון די פיעלע קאסטומערס צו קריגען דעם בענעפיט פון דיזע ביליגע פרייזען, דורך דעם מאנאט ביז פסח. צופריעדענהייט און פינקטליכקייט גאראנטירט.

280 קווין סטריט וועסט

וויכטיג פיר שניידער און פעדלער

לובינסקיס פעדלער סופליי און וואלען גודס מערטשענט האט שוין אריינגעקראגען זייער ספרינג סופליי פאר סוטס און אווערקאוטס פון די בעסטע וואארע אויסשעהנסטע פעטערנס, און ערווארטען זייערע צאהל רייכע קאסטימערס באזוך.

J. LUBINSKY, Wholesale Woollens 248 Simcoe Street, Toronto
TELEPHONE MAIN 6116

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בעדיענט געווארען. דזשאבלאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.
טעלעפאן ארעלייד 3772.

ה. יאנאווער טעלעפאן מיין 6836	א. ראזענפעלד טעלעפאן קאלעדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 ענגעס סטריט — — פאן אפיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור

ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשערס טיקעטס,—פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

ד. ווהייטסאן

מיוזיקאל דירעקטאר
89 ארטהור סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 1834

לעסאנס ווערען געגעבען אויף וויאלין, וויאלא, פלייט, קלארינעט, קארנעט, א. ז. וו.

ניאן מיוזיק פאר בעללער, קאנצערטען, חתונות און איבערהויפט פאר שמחות. צופריעדענהייט גאראנטירט

בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיקער

מ. טישלער

פלאמבינג היטינג און געז פיטינג פינקטליך געמאכט.

1 ארטהור סטריט
טעלעפאן קאלעדז'ש 1276.

איך בעזארג מיט לייסענס פאר אייז קרים פארלארס אין 3 טאג.

פלאמבינג

מיט לייכטע אפצאלונגען ווערט געמאכט ביי אייער פריינד

מ. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט
פאן קא. 7747.

יהי אור!

און גאט האט געהייסען ליכטיג זיין ליכט איז לעבען

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

וועט מאכען עס זאל אייך זיין ליכטיג אין יעדער ווינקעל. מיר מאכען דאס גוט. מיר מאכען עס ביליג, און די הויפט זאך, מיר בערייסען ניט. מיר מאכען אלע עלעקטרישע ארבייט פאר דער הידרא ווי פאר דער טאראנטא עלעקטריק. מיר פערקויפען אלערהאנד עלעקטריק פיקטשורס און סופלייס און לעמפלאך. אונזער מאטא איז: אייך צופריעדען שטעלען.

טעלעפאנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער ארעלייד 3527 אדער אדעלייד 2223.

אדרעס 92 קווין סט. אדער 509 קווין סטריט וועסט.

THE TORONTO
ELECTRIC SUPPLY CO.
92 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 509 Queen S W.
Phone Adel. 2223

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ערלייד 3087.

ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 10 TERAULEY ST.

אונטער דער אויפזיכט פונ'ם פרויען פעראיין פון פר'ץ שולע וועט הערר

י. גאלדסטיק מ. א.

האלטען א פארטראג איבער דער טעמע

„שלום עליכם און זיינע ווערק"

דינסטאג, דעם 21 מערץ

8,45 אין אבענד
אין שוהל הויז,

194 בעווערלי סט.

איינטריט פריי

מיטגליעדער זיינען געבעטען אליין קומען און ברענגען זייערע בעקאנטע.

טייפ־ווערים

ארויסגעטריבען לעבעדיגע אין 40 ביז 120 מינוטען. עס איז ניט נויטיג צו פאסטען, זיך אויס הונגערען, רייניגען פערלירען צייט, אויב איהר ליידעט צעגערט ניט, שטעלט זיך ניט אב. טראכט ניט פיער מאכט קיינע לאנגע אונטערזוכונגען נור שיקט היינט $3,50 פאר אמסרעג'ס צוויי שטונדען טייפ ווערים רפואה — גאראנטירט. שרייבט פאר א בוקלעט טעסטימאניאלס און זא ווייטער ה. ע. עמסרען דעפט. ע. 17 גלאסטער סטריט טאראנטא.

צו פערקויפען

איין סעקאנד הענד

סאדא וואסער פאנטאן

מיט א סטענד.

זעהר ביליג

מוז פערקויפט ווערען אין פערלויף פון 3 טעג צייט. נאכפרעגען

דווארקין

145 סענט פעטריק סטריט
Phone Col. 4029

דעם פאנטיין קענט איהר זעהען אין 324 באטהורסט סטריט.

פ. דייוויס

פון 167 ענגעס סטריט
לאסט אייך וויסען אז פאר יום טובים פערקויפט ער

באיעס סויטס

זייער ביליג.

סטאפט הייער קאנטרי פעדלערס

איך קויף טשיקענס און צאל די בעסטע פרייזען.
נאכפרעגען
108 דיארסי סטריט

ביי מר. גאלדבערג

מענער שניידער פון טאראנטא, נוצט אויס די געלעגענהייט יעצט, בלויז פאר היינטיגען מאנאט אפפערען מיר צו לעהרנען דעזיינינג פאר א ספעציעלער קליינער פרייז, נאך אזא גוטע געלעגענהייט וועט איהר ניט האבען נאך אמאהל. פראפיטירט דערפון פון דיזען מאהל, קומט גלייך און פאנגט זיך אן צו לערנען דעם גוט, צוגעשניטענע טריי, דעזיינינג, שניידען, גראדען און סקעטשען און מענער, ליידיס און קינדער קליידער. פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט ארדער דאס געלד צוריק געשיקט. אויך העלפען מיר צו בעקומען פלעצער אלס דעזיינערס פאר'ן קומענדען ספרינג סיזאן.

אמעריקאן דיזיינינג סקוהל
247 מ'קאל סטריט

קלאסיפיצירטע דירעקטארי

דזש. טאבין, מערטשענט טיילאר
פענסט געמאכט צו ארדער פון $2.50 און העכער.
127 טעראלי סטריט.
5509—10—4

שטיינהאוס און גרינבוים
פערסט קלאס מענער קאסטום שניידער.
זייער ארבייט איז גאראנטירט
90 ענגעס סטריט. פאן ארעלייד 2796.

אינשורענס

הזן קאפלאנס שיפס קאנטאר
פייער, לייף און סיק בענעפיטס אינשורענס
297 קווין וועסט. פאן ארעלייד 239

דזש. לעווינטער, אינשורענס אגענט
פייער און לייף אינשורענס אין די בעסטע קאמפ...
415 קווין וועסט. טעלעפאן ארעלייד 1306
5436 24 5

גראסעריס

אידישע קענדי פעקטארי
די איינציגע אידישע האלסייל קענדי פעקטארי אין טאראנטא. ביליגע פרייזען. 24 קערעל סטריט. קאלעדזש 1233.
17—1

אייז קרים און טאבעקא

דזוארקינס אייז קרים פארלאר
ציגארעטען און בוכהאנדלונג.
145 פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 4029

בייסיקעל דילערס

פאלאק'ס 20 ענגעס סטריט
בייסיקעלס און בייבי קערעדזשעס געפיקסט
בעסטע צופרידענהייט

לערנער בראדערס. פאן עדעלייד 4047
מיר פערקויפען אלערליי בייסיקעלס. מיר ריפיירען אלערליי בייסיקעלס און מאטאר סייקעלס פאר צופרידענהייט גאראנטירט.
127 טשעסטנאט סטריט

די פוידלים בייסיקעל ווארקס
16 ענגעס סטריט. טעלעפאן ארעלייד 3582.
אויטאמאבילס נערענט פאר $1.25 א שטונדע

בארבערס און האר דרעסינג

ליידיס העיר דרעסינג פארלאר.
איך מאך די בעסטע שייטלען און צעפ צו ביליגסטע פרייזען מר. רובין 178 טשעסטנאט סטריט

נויארק העיר דרעסינג
מרס. פינגער מאכט די בעסטע שייטלען און צעפ און די בעסטע אייראפעאישע האר צו די ביליגסטע פרייזען 137 ענגעס סטריט

דראגיסט

סטראטהערסי סאנס, קעמיסט
ארטיקעל וויקלי, בלוד און פאלמערסטאן
פרעסקריפשאנס אונזער ספעציאליטעט
(1—13)

דראגיסט.
דראגיסטען אויף וועלכע מען קען זיך פערלאזען זיינען מוריס ליבמער 374 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן מיין 3729.

קוילען

מ. איטין
ראדזשערס קוהלען ריכטיגע וואג, שנעלע דעליווערי פאן קאלעדזש 1036.
אפיס 55 אגוסטא עוועניו.

דיירי און פראדויס

האלפערינס פוטער
רייניג, פרישע פוטער יעדען טאג. פרענט אויף זיי איז גאראנטירט, 227 ספעדיינע עוועניו פאן קאלעדזש 7574

ל. בעק און קאמפאניע
49 פערל סטריט איך פיקס וועגענס און פיינט נייע און אלטע צו די יעניגע וואס מאכען די ארבייט טעלעפאן אדעלייד 1643
7—4

קומט צו מר. וואלפיש
פאר באהגיגנם אייערע דרייגודס און גראנעט ווער
142 עליזאבעט סטרי'ס
5382—17—1

דזש. שיפמאן.
168 ענגעס סטריט, טעלעפאן מיין 7636.
איך קויף און פערקויף פערשידענע סטאר פיקסשורס. קומט און בעזוכט אייך.
5691—3—7

גלאז, עלעקטריק הארדוועאר סופליי

ב. שערמאן
פלאמבער, בלעכער און הארדוועיר. 527 קווין סט. וועסט. פאן ארעלייד 2055.
12 17

ב. קאפלאנ'ס הארדוועיר סטארס
140 ענגעס סטריט, און 171 ספעדיינא
טעלעפאן מיין 6053
25—2

דזשועלרי און קראקערי

ליטאוויטשעס דישעס סופליי
113 דענימאן עוו. ניער סט. פעטריק. דישעס אויף חתונות, בריתן, בארמיצוות געבארגט.
12 17

פיינטס און וואלל פייפער

די טאראנטא פיינט און וואלפייפער קאמפאניע.
די שענסטע דיזיינס פון וואלפייפער און דיא בעסטע פיינט צו בילינסטע פרייזען.
45 אנדערסאן סטריט. פאן ארעלייד 3554

האפמאן פייפערהענגער
פייפערט ארער פיינט אויס א רום פאר 2 דאלאר. שרייבט ארער קומט אין 4 באלדווין סטריט
5357—22—3

פארניטשור דילערס

ראזשטיינס פארניטשור קא.
ספעשעליסט אין הויז פארנישינג. קעש און קרעדיט
490 קווין סטריט וועסט. פאן קאלעדזש 6981
(12—10)

פארס און שוהס

מ. געללער
73 עליזאבעט סטריט. ספעשעליסט אין רעפערינג אלערליי פארס. טרימינגס סעט און קאוטס. בילינע פרייזען.
(12—10)

סאפט דרינקס

דז. פאזמאן
ארמאניזעד דרינקס, זויערע פיקעלס, פאטייטאס
11 קער האוועל סטריט. פאן קאלעדזש 2190
12—14

קלינינג און פרעסינג

ס. זייד, די עפישינג קלינינג קא.
קלינערס, דייערס און פרעסערס
205 ספעדיינא. פאן ארעלייד 2897
(12—10)

מר. מארים פראבייסקי
64 ארטהור סטריט. קלינינג און פרעסינג צום ארדער. נייע סוטס ווערט געמאכט
אלטע קלאטהינג צו פערקויפען. פאן. קאלעדזש 838
7—4

מאקס קירזשנער 125 טשעסטנאט סט.
קלינינג, פרעסינג ריפיירינג פאר 40 און 50 סענט א סוט. שרייבט צו אונז און וועלען מיר קומען נאך אייער ארבייט.
5658—7—4

ווייגען און שנאפסען

קאלעדאניא ליקער סטאר
פערשידענע שנאפסען און ווייגען.
3 מעקאל סטריט. פאן ? 2367.

דעליקאטעסען און לאנטש רום

מ. גרייזמאנ'ס
ניו יארק כשר וואורשט סטאר און לאנטש רום
פאן. ארדערס דעליווערט.
72 טשעסטנאט סטריט טעלעפאן מיין 6203
7—4

איטינ'ס קויהלען
פון ראדזשערס צום קאסטומער. שנעלע דעליווערי
טעלעפאן קאלעדזש 1036.

קומט צו מר. וואלפיש
פערגעסט ניט צו קויפען אייערע נעשיר ביי מר. וואלפיש, 140 עליזאבעט סטריט
5382—17—4

מ. אילבוים

האלסייל גראסער

בעקאנטמאכונג!

צו אלע אידען אין קענעדע

איהר ווייסט גוט אז לאנדאנ'ס מצות זיינען די בעסטע אין גאנץ אמעריקא. פאריגעס יאהר זיינען זעהר פיעל קאסטומער דיסאפאינטעט געווארען ווייל זיי זיינען געקומען צו שפעט, דאפיר בעטען מיר אלע אידען פון קענעדע אז זיי זאלען ניט לאנג ווארטען ווייל די מצות ווערען צוכאפט.

דער פרייז פון מצות, מעהל, קייק מעהל, פארפעל, איז 6 סענט א פונט.

קאנטרי ארדערס מוזען שיקען א דעפאזיט מיט דעם ארדער.

אדרעסירט אלע לעטערס:

M. OELBAUM
15 Grange Ave. Toronto Ont.
Phone College 3919

די אינטערעסאנטעסטע נייעס פון טאג

א גרויסער אויספארקויף פון וואלל פייפער און פיינט דיא שענסטע דעזיינס און בעסטע פייפער.

3 ס. 4 ס. און 5 ס. ארא'ל

פיינט דיא שענסטע קאלירען $1,50 א גאלאן

ס. ווייבערג און קא.

76 עליזאבעט סטריט
טעלעפאן מיין 2693

דיימאנדס

$1 $2 $3
וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייבינקייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

נוצט

מילנ'ס קוילען

די קוואליטעט דאפון ווערט אויך געלד שפארע

אפפיס:	טעלעפאן:
88 קינג איסט	מיין 5597

פריוואט בראנטש עקסטשיינדזש

ארדערט היינט—סיי דזשי מילק
קאלעדזש 2040—21 פיינטס $1

ווילען די דייטשען איבערשניידען די קייבעלס?

לאנדאן מערץ 18

די ענגלישע מיטעללענדישע שיפעל "ווילי" איז געזונקען געווארען אויפ'ן אטלאנטישען אקעאן ארום דעם אינזעל וואלענטיא.

די מאנשאפט פון דער שיפעל וועלכע איז בעשטאנען פון זיבען האבען זיך גערעטעט.

עס ווערט ניט אנגענעבען די אורזאכע פון דער זינקונג.

עס ווערט אבער ערקלעהרט אז די דייטשע סובמארינס האבען פערשפרייט זייער טהעטיגקייט אין פלאנעווען איבער צושניידען די קייבעלס וועלכע ליגען אין אטלאנטיק. אין יענעם פלאץ זיינען דא פיעלע קייבעל דראטען.

פויער אדווערטייזערס פאר די אינשורענס.

ווען עס טרעפט ביי אייך א פייער היינט ביינאכט טעלעפאנירט מיין 3739, ביינאכט היקרעסט 2037 קאנאדיען אדזשאסטמענט און אינספעקשאן ביורא 84 וויקטאריא סט.

Real Estate

ריעל עסטייט

זעהר א פיינע פארנישינג רום מיט אימפראוועמענטס אויף א טעלעפאן און א רעספעקטיבל האוז צו פערדענטען, פאר א ביזנעס מענשען 108 באלדווין סט. טעל. קאל. 6903
5536—21—3

צו פערדענטען א סטאר מיט 4 רומס, אלע קאנוויניענס 78 לואיזא סטריט, אויך א הויז אין 131 עדווארד סטריט, אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען ל. ראטענבערג און סאנס 141 קווין וועסט.
5376—20—3

א שניידער שאפ צו פערדענטען 5 נייע מאשינען, מאטאר און טייבעלס. נאכפרעגען 270 קווין וועסט.
5596—3—21

שמערצלאזע געשווילאכץ רעדוצירט מוסקלען אנשטרענגונג געענדיגט

—(: :0: :)—

אזעלכע צרות ווערען יעצט שנעל אוועקגעריבען מיט א שטארקער רפואה.

אויב אייערע מוסקלען זיינען איבערשטרענגט און שוואך, און זיינען פריי פאר רומאטיזם שמערצען; אויב איהר האט שמערצליכע געשווילאכץ פון וועלכע איהר קענט ניט פטור ווערען — נעהמט זיך צו נערוועלין, אזעלכע צרות און שמערצען זיינען די וועלכע ווערען געהיילט מיט נערוועלין.

איך האב פרובירט נערוועלין און עס האט זיך ארויסגעוויזען אלס וואונדער אין רעדוצירען שמערצליכע געשווילאכץ, עס האט מיר געטראפען אן עקסידענט אין וועלכען איך האב צוקלאפט מיין לינקע פוס, איך האב געליטען געפעהרליכע שמערצען די מוסקלען זיינען געווען אנגעשטרענגט און שמערצהאפט, און קיין אנדער רפואה האט מיר אזוי ניט געהאלפען ווי נערוועלין, עס איז אין דעם אזא דורכדרינגענדער שמערצען פארלייכטערענדע קראפט אז עס גרייכט ביז צום ווארצעל פון די שמערצען, נערוועלין האט רעדוצירט דאס געשווילאכץ, און האט פערניכטעט די שמערצען און עס האט געבראכט מיין פוס אין א אויסגעצייכענטען צושטאנד.

די עקספיריענס פון מר. בראון וועמענס היים איז אין מידעלסעקס, איז ניט אויסערגעוועהנליך, טויזענדער ליידען טעגליך פון מוסקלען שמערצען פון יעדען סארט כראנישע רומאטיזם, לימבאגא, נערוועז שמערצען, און סקאטיקא, וועט נערוועלין היילען ווען קיין אנדער זאך קען ניט העלפען, נערוועלין איז אן אלטע פאמיליען רפואה, ווערט שוין גענוצט ארום פערציג יאהר מיט גרויס סוקסעס, די גרויסע פאמיליען סייז באטעל קאסט 50 סענט, טרייעל סייז באטעל 25 סענט. ביי אלע דיעלערס.

NERVILINE

ס. מארגאלים

דער סעקרעטער פון דער קראפאטקין ליטעראטור - געזעלשאפט, וועלכע איז געווען אין טאראנטא אין די אינטערעסען פון דיזער געזעלשאפט, האט געהאט ערפאלג. ער האט געקראגען אונגעפעהר צוויי הונדערט סויסקרייבער. ער פיהרט אב מארגען, מאנטאג, פריה פון טאראנטא.

היינט זונטאג אוונד, וועט ער רעדען איבער "דער קראפאטקינ'ס שטעלונג צום וועלט קריעג".

און אזוי ווי קראפאטקין, דער גרויסער וויסענשאפטס מאן און אנארכיסט, איז א גרויסער פרא־עלייאיסט און רופט די דייטשען "הונען", וועט אינטערעסאנט זיין צו הערען א פאר ווערטער וועגען דעם.

GILLETT'S LYE

צו מאכען זייף זאל ווייך מאכען וואסער
רייניגען דיסאינפעקטען סינקס
קלאזעטס, פייפס
און פיר
אסך אנדערע
ארטיקלען
ווערט
פערקויפט
איבעראל
ענטגאנט
נאכמאכעכץ

GILLETT'S
LYE
E.W.GILLETT COMPANY LIMITED
TORONTO ONT.

ארבייטער פערלאנגט

הענד שניידער, מענער אדער פרויען א געלעגענהייט פיר יעדען וואס וויל ארבייטען און פראפיטען גוטע וויידזשעס, נאכפרעגען העקבארן און קא. ספעדינא און אדלייד, פרעגען אויף מר. גודמאן

פערלאנגט א מיידעל וועגען הויז ארבייט, נור 3 אין דער פאמיליע א גוטער פלאטץ און וויידזשעס זיך נאכפרעגען 357 פאלמערסטאן עוו. ביי מר. ל. לעווענסקי.
5561—22—3

פערלאנגט גוטע פינישערס צו קאסטומער פענטס, מוז קענען מאכען האנד באטאן האלס פרייזעס א פאאר 35—45 50 60.
נאכפרעגען מאזעס 252 ארעלייד וועסט.
5563—3—20

פערלאנגט 2 פערסט קלאס טיילארס אויך א בושלער און מיידלאך פאר באטאן האל פינישערס, גוטע וויידזשעס, סטעדי ארבייט. פרעגען 168—170 יארק סטריט
5391—3—20

פערלאנגט אפערייטארס און שניידערס ארמהאל שערדזשער, האנט נייהער, קענעס בייסטערס, גילקרעס און קאמפאניע 107 פראנט סטריט איסט.
5595—20—2

פערלאנגט עקספיריענסד אפערייטארס אויף סוטס און קאוטס, נאכפרעגען: דיקינסאס מעג. קא. דארלינג בילדינג.
5594—3—20

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס לאמפערט און לערענבוים 156 טעראלי סט. לעבען עלם סטריט.
5562—18—3

פערלאנגט גוטע פינישערינס צו קאסטאמערס מיז קענען מאכען האנד באטאן האלס פרייזעס א פאר 35-45-50-60 פרעגען מאזעס 252 עדיליידט וועסט.
5563—3—19

פערלאנגט גלייך אפערייטארס אויף סוטס און קויטס דזשוניאר און מיסעס קאסטום קא. 217 ריטשמאנד סט.
5565—18—3

פערלאנגט גוטע אפרייטארס אויף סויטס. נאכפרעגען מר. וואלדמאן 119 ארעלייד וועסט.
5567—18—3

פערלאנגט א מענער שניידער וואס קען שניידען און פיטען קאסטומער ארבייט, נאכפרעגען 984 קווין וועסט.
5534—3—19

פערלאנגט אפרייטארס אויף סוטס, און קלאוקס אויך עקספיריענסט קאטערס און פרעססערס. נאכפרעגען קאנסאלי בייט קלאוק קא. 310 ספעדיינא עוו.
5574—20—3

פערלאנגט עקספיריענסד סקוידס אפרייטארס נאכפרעגען, קאנסאלידייטעד קלויק קא. 310 ספעדיינע עוו.
5574—20—3

מיידלאך פערלאנגט וועלכע האבען עקספיריענסד צו ארבייטען ביי דאללס מיז פערשטעהן ווי צו קליידען און נייען קעפ אויף דאללס. נאכפרעגען נאשיאנאל טאני און נאוועלטי לימיטעד 82 טשעסערטנאט סט.
5585—3—19

פערלאנגט איין עקספיריענסד ווייטער גוטע וויידזשעס פיר דעם פאסאנדען פעראזן. פרעגען עבער'ס רעסטאראנט 168 קווין סט. וועסט.
5577—20—3

פערלאנגט פינישערס פיר ליידיס סוטס, גוטע וויידזשעס געצאלט, נאכפרעגען יוניווערסיטי קלאוק און סויט קא. 382 עדלייד סט. וועסט.
587—3—19

פערלאנגט מיידלאך עקספיריענסט אפרייטארס פיר אייפראנס און מענער וויסע קאוטס און פענטס, סטעדע ארבייט און גוטע וויידזשעס, זיך נאכפרעגען מיללער מאנופעקטשורינג קא. 251 מיוטשיאל סט. (איבער קארלטאן)
5572—3—11

פערלאנגט א עקספיריענסד מיידעל פאר נייהען באטאנס הוטנער קלאוק קא. 439 קינג וועסט.
5553—18—3

פערלאנגט א פינישערין צו גאסטומ מענער ארבייט, פרעגען 201 באטהורסט סט. סטעדי ארבייט
5517—3—4

א מלוה מלכה פאר די סטאשיווער מלחמה קרבנות!

אלע סטאשיווער לאנדסלייט, סימפאטייזערס מיט זייערע פאמיליעס זיינען הערצליך איינגעלאדען צו א מלוה מלכה שבת דעם 25־טען מארטש 9 אוהר אבענד אין מיקאל סטריט שוהל אראנזשירט פון דער סטאשיווער ליידיס סאסייטי צו גונסטען אונזערע ליידענדע שוועסטער און ברידער.

מיר האפען אז קיינער פון אייך וועט ניט פעהלען דעם אבענד.

מיט אכטונג
די אראנזשמענט קאמיטע.

GOLD DUST

MADE IN CANADA

פאר יעדען שייערונגס און ריינינגונגס צוועקע

גאלד דאסט ווערט געברויכט אמוועהניגסטען דריי מאל אין טאג אין מיליאָנען הייזער.

עס זיינען נאך פאראן פיעלע טויזענדער באלעבאָסטעס וועלכע דענקען אז גאָלד דאָסט איז בלויז פאר עטליכע צוועקען. — גאָלד דאסט זאָל בענוצט ווערען צו ריינינגען.

גאָלד דאָסט ארבייט ווירקליך פאר אייך

דאָס איז העכסט עקאָנאָמיש ; עס איז העכסט צופריעדענשטעלענד און עס איז העכסט סאניטאריש.

דאָס קען ניט צוקראַצען אדער שעדיגען אירגענד וועלכען גלאנץ און עס וועט ארונטערשווינקען אלערליי שמוץ און ברוד.

דיעזע הויפט אייגענשאפט פון גאלד־דאסט איז אזוי ווירקענט, דאס עס שווינקט ארונטער די שמוץ און די ברוד, איבערלאזענדיג א נייקייט, א ריינקייט און בליאסק, וועלכע איז בלענדענד.

FAIRBANK'S
GOLD DUST
Washing Powder

"Let the GOLD DUST TWINS do your work"

5ס. און גרעסערע פעקלאך פערקויפט איבעראל

THE N. K. FAIRBANK COMPANY
LIMITED
MONTREAL

וואס פאריזער אידען האבען געטהאן פאר אונזער פאלק

פון נ. פראנק

פאריז —

פאריז טהוט גאר ניט ! פאריז שלאָפט. פאריז הערט ניט ווי מען וועקט זיי קרעכצען אונהיילבארע שווארץ זעהערס.

איז דאָ סאמת ? איז דאָס פאלש ?

אויף אזא זאך איז שווער צו ענטפערען מיט א יא אדער מיט א ניין. גיכער קען מען זאגען יא, און ניין, ניין און יא. אין טהעטיגקייט איז אויך ווי אין פארבען. צווישען גאנצע קאָלירען איז דאָ האלבע קאָלירען. טענער און ניואנסען. אין פאריז קומט די טהעטיגקייט כוואליעס ווייז, קריזים ווייז אומגעריכטערייד. דאָ קומט אויף איהר א גוטע עשה און אלע מוסקלען ווערען אנגעצויגען ווי די שטריק, אלע ווילענס געציעלט צו איין צוועק, און איהר עפענט מויל און אויערען צו בעוואונדערען די פולסירענדע פרישקייט וואס טרייבט און יאגט אלע רעדער פון דער מאשין, דאָ ניט אויף איהר א בלאז א שלעכטער ווינד, א ווינד וואס ברענגט שלאף אין זיין פליגעל, און פאריז — אינזער אידישע פאריז — ניט זיך איהם איבער ווי א קינד צו דער ברוסט. מען זאגט אז אלע שטעדט האבען בעזונדערע כאראקטערע און זייער שאסען, אויב די בעהויפטונג זאָל זיין ריכטיג, וואלט איך געזאגט אז פאריז ליידעט פון אן אויזהעריליכען פיעבער : היץ און קעלט בייטען זיך מיט א בליצענדער שנעלינקייט. מען ווייסט ניט פארוואס א זאך ווערט היים, מען ווייסט ניט פארוואס א זאך ווערט קאלט.

דאָ איז אזוי : אדער מען איז אין אלעפעראיינען אדער אין ערגעץ ניט.

איבעראל טרעפט איהר איינע און די זעלבע פּניםער. זונטאג ביי דער ״ליגע״ מאנטאג אין ״ארבייטער פאנד״, דיענסטאג אין ״עמיגראנטען קאמיטע״ א. ז. וו. עס איז אונגלויבליך וויפיעל גוטעארבייט יעדער פון די בעטרעפענדע ליפערט פאר דעם אלגעמיינעם וואהל זיין.

די וואס זיינען בעקאנט מיט די ארטיגע אומשטענדען ווייסען גאנץ גוט ווי שווער עס איז צו אקערען אויף דיעזען ״באדען.

וואס אין פאריז איז אויפגעטהאן געוואָרען ? זעהר פיעל נעהמען מיר א ביישפיעל פון פיעלע : די פרעמדען פראגע. דאָס ״עמיגראנטער קאמיטע״ איז באמת געשטאנען אויף דער הויך פון זיין אויפגאבע. מען דארף ניט פערגעסען אז דער מוניציפאל ראטה פון פאריז, וועלכער צעהלט אויך צווישען זיך סאָציאליסטען, האָט איינשטימיג מסכים געווען צו גאלים ״וואונש״, און די אונגעשיקטע אונגעלומפערטע גזרה, וואָלט לייכט געקענט צוגעפיהרט ווערען בי׳ן סוף. ווען ניט דער קאָמיטעט וואָס האָט דעם פּראָצעס אין דער האנד גענומען. עס איז גאר ניט געווען אזא לייכטע זאך. די סאָציאליסטען אליין האבען זיך נאכדעם מורה געווען אז זיי האבען ניט געוואוסט דאס ערשטע וואָרט פון דער פראגע, און האבען ניט פערשטאנען דעם הינטערגרונד וואס איז געלעגען בעהאלטען אין גאלים פארשלאג. זיי אליין האבען זיך דערשראקען ווען די אנטיסעמיטישע קארטען זיינען פאר זיי געעפענט געווארען, און זיי האבען גענומען רודערען ... צוריק.

איז דאָס געווען אזא לייכטע זאך ?

״עקא דע ריוסי״

דאָס קאמיטע האָט געפונען טהייערע מיטהעלפערס צו איהר ארבייט, אין ל׳״אוניער איזראעליט״ און ״עקא דע ריוסי״.

״עקא דע ריוסי״ ווערט רעדאגירט אונאויסגעהאלטען פון הער׳ן עבערלין, וועלכער איז אן אקטיווער ציוניסט. זיין וועכענטליכע בלעטעל האט איינענטליך געטהאָן און טהוט נאך לויט בעשיידענע געלד מיטלען דאס וואס די ליגע טהוט יעצט אין גרעסערען מאסשטאב. ״עקא דע ריוסי״ איז געווען די ״ליגע״ נאך אידער די ליגע איז געגרינדעט געווארען אויך [illegible] געשמוגעלט אין זיין זשורנאל. מאטעריאלען וואס שפיגלען אב די לאגע פון די אידען אין רוסלאנד. דאס איז א שעהנע און גוטע איניציאטיווע פאר וועלכע ער פערדיענט דאנקבארקייט. אלע וואס העלפע צו די ליגע אין איהר נויטווענדיגער ארבייט זיינען ווי די פינגער וואס פיהרע אויס די שליחות וואס די האנד בעקומט דאס אליין וואס שפעטער איז געגרינדעט געווארען די ליגע וואס געהט אין זעלבע וועג, צייגט אויף וויפיעל זיין קליינע אקער אייזען איז געגאנגען אויף׳ן ריכטיגען וועג. אין א צייט ווען די רעפּעי־אנגענטען שותפות מיט די צענזורען לאָזען ניט דעם אמת אריינדרינגען אין לאנד, איז דאָס א גרויסער פערדיענסט ארויסצולאזען עטליכע טראָפּענס ליכט, און א ים פינסטערניש. ״עכא דע רוסי״ שטעהט אויף שוואכע פינאנציעלע פיס, און דער וואס וועט זי אביסעל אונטערשפארען מיט זיינע מיטלען וועט טהאָן גארניט קיין שלעכטע זאך.

קען מען ביי די אומשטענדען ארויסטראגען א שלעכטען שם אויף פאריז.

האבען די פאריזער אידען ניט ערפילט זייער חוב צו די מלחמה ליידענדע אידען ? זיינען זיי דען ניט בערייט נאך איצט צו טהאָן זייער פליכט ?

אמת, פיעלע זאכען זיינען געטהאָן געווארען, ווער אבער פון אונז שטערבליכע איז דאָס פריי פון פעהלערען ? אום צו זיין ריין פון פעהלערען דארף מען זיין איין זאך. גאר ניט טהאָן. בעסער איז שוין גלויב איך מאכען פעהלערען און יא טהאָן.


קראַנען
ווערט געמאכט בלאנקען מיט איין רייב מיט
א גרויסע שיסעל ... מיט
Old Dutch Cleanser
Chases Dirt
MAKES EVERYTHING "SPICK AND SPAN"

מר. וויליאם סינגער פון 208 ראבערט סטריט וועמענס פארטרעט איז דא אויבען, דארף בעגריסט ווערען מיט דעם וואס ער איז בעשטימט געווארען אלס אינספעקטאר פון דער אידישער אבטהיילונג פון דער סעקיוריטי לייף אינשורענס קאמפאני.

מר. סינגער האט אריין געטראטען אין די אינשורענס ביזנעס אונגעפעהר צוויי יאהר צוריק און האט געהאט גרויסען ערפאלג מיט דער דערמאנטער קאמפאני. ״מאני און ריסקס״ א צייטונג פאר פינאנסען און אינשורענס רעדענדיג וועגען יעהרליכען בעריכט פון דיעזער קאמפאני זאגט :

״דער יונגסטער לייף אפיס די סעקיוריטי לייף האט ארוים געגעבען זיין בעריכט פאר 1915, און דער פרעזידענט מר. דזש. א. מעק קארטהי דארף גראטולירט ווערען פאר זיין אפענהערציגער געשעפטס ערקלעהרונג. עס קאסט תמיד א סך געלד צו קריעגען נייע ביזנעס, און דאס בעמערקט זיך איבערהויפט אין די פריהע יאהרען פון א נייער קאמפאניע ווי ווייט מען קאן אורטהיילען, זיינען די געשעפטען פון דער סעקיוריטי צו זיין פון אן אויסער געוועהנליך גוטען כאראקטער, און עס זעהט אוים דאס זי וועט פיעל לענגער בלייבען מיט דער קאמפאני ווי עס איז געוועהנליך דער פאלל. דאס איז דער פאר ווייל די מענעדזשמענט נעהמט פיעל אין אכט דעם אויסוואהל פון דעם אויסערליכען סטאף איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען וואס א יונגע קאמפאני מוז נעהמען אין אנבעטראכט. שוין האט דער אפיס בעוויזען דאס אין זיין מענעדזשמענט געפינט זיך שכל, בעשלוס און פעהיגקייטען ; עס וועט ניט נעהמען לאנג און די סעקיוריטי לייף וועט פערנעהמען דעם פראמינענטעסטען פלאטץ צווישען די יונגערער קאמפאניעס.

דורכ׳ן יאהר זיינען אריין געקומען אפליקיישאנס פאר $602,500 אינשורענס און וועלכער סומע פאליסים אויף $519,000 זיינען ארוים געלאזען געווארען. דער סך הכל פון אינשורענס אין קראפט צו דער ענדע פון יאהר האט אנגעטראפען $1,212,900. די איינאהמע פון פרעמיומס איז געווען $36,115 אין פערגלייך מיט $33,320 פון פאריגעם יאהר. אינטערעס האט אנגעטראפען $4,170 אין פערגלייך מיט $2,618 פון 1914 די דורכשניטליכע ראטע פון אינטערעס איז 5.88 פראצענט פאר 1915 וועהרענד פאר 1914 איז געווען 4.74 פראצענט. צו דער ענדע פון יאהר האבען די אססעטס אנגעטראפען $118,231 און דער גראסס סורפלוס איז געווען $46,632.

מר. סינגער, ארגאניזירענדיג דיעזען דעפארטמענט האט ער צוויי לייזיגע פאזיציאנען פאר צוויי אדער פאר דריי פעהיגע פערזאן צו פערקויפען דער קאמפאני׳ס פערזיכערונג צו יונגע לייט, סייווינג באנדס ווי אויך געוועהנליכע ביזנעס

זיך ווענדען

קענט בולדינג 9־טער פלאר רום 907־09.

ווילא אנגעיאגט

וואשינגטאן מערץ 17

היינט נאכמיטאג האט די הויפט אמעריקאנער עקספעדיציאן דעריאגט אין מעקסיקא איינינע פון ווילא׳ס באנדיטען. דער קריעגס דעפארטמענט האט ערהאלטען בעריכטען וועגען דעם דורך פעלד ראדיא טעלעגראף אפאראטען וועלכע זיינען דאן איבערגעגעבען געווארען דורך׳ן טעלעגראף.

[illegible]

לויט די בעריכטען זעהט אוים דאס ווילא מיינט ניט זיך געגען צו שטעלען דער אמעריקאנער עקספעדיציאן, נאר דאס ער וועט מאכען א ויברח.

די בעריכטען דאס מען האט געשאסען אויף די אמעריקאנער טרופען ווערען ניט בעשטעטיגט אין קיין ידיעה וואס דער קריעגס דעפארטמענט האט געקראגען.

עס איז היינט אנגענומען געווארען איינשטימיג א רעזאלוציאן אין סענאט פארגעשלאגען געווארען פון לאפאלעט, ערקלעהרענדיג דאס דער קאנגרעס שטימט צו אויף דעם געבדויף פון דער ארמיי צו פערפאלגען ווילא, פערזיכערענדיג דאס דיאויבערהערשאפטען מעקסיקא וועט ניט בעריהרט ווערען פון דיעזער שטראף עקספעדיציאן.

ווייטערע בעריכטען צום סטייט און קריעגס דעפארטמענט דייטען אן דאס די לאגע בכלל אין מעקסיקא איז גאנץ רוהיג.

LOEW'S

לאעוו׳ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט. 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס

פאן 3600 — היי קלאס וואדעוויל. — באקסיטס רעזערווירט.

נעקסטע וואך

וויל מאררים — עקצענטרישער טרעמפ ציקלוסט

אבבאטט און וואייט — געזאנג און שפאס

בעססיע רומפעל
מיט דער הילף פון דזש. מ. קליימאן און קא. און דער ערפאלג קאמעדיע ,,שווינדלער״

מאסקראפ שוועסטער — צווייער מיידלאך, געזאנג און טענץ

דאפפי און מאנטאגיו — ,,פערהייראט אויף א האלבע שטונדע״

סאבבאט און ווייט — געזאנג און טענץ

אירישער וויץ — ענדרו קעללי

דער מאן מיט׳ן נאטירליכען אויסדריק

מאוויס אין אמת׳ן סארט

א קצור פון די נָארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער ע׳ מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בכּפר טען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד איידזשענסי אדער סאב איידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין עפיס פון לאקאל איידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט פאר אגענטס) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעאַרבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואוינען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווענינער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף׳ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגע אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטירט צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטע קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען און יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי.

רעפיוטי מיניסטער פ׳ אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

קליינינקייטען רעכענען זיך

אפילו אין א מעטש דארפט איהר נעהמען אין אנבעטראכט די ״קליינינקייטען״ — דאס האָלץ, דעם שטאף, דאס רייב פעהיגקייט און דעם פלאם.

עדדי׳ס מעטשעס

זיינען געמאכט פון בעסטען סארט האָלץ, פון א געהיימער קאמפאזיציאן וועלכע גאראנטירט ״יעדער מעטש ליכט״ 65 יאהר פון וויסען ווי אזוי — דאס איז די אורזאכע !

אויף אלע עדדיס פראדוקטען קאן מען זיך פערלאזען.

THE E. B. EDDY
CO., LIMITED
HULL - CANADA.

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING — CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM — MATS 5¢-10¢ EVES 5¢-10¢-15¢

עס ווערט געשפיעלט ווערען די גאנצע וואך

דערגעשריי פאר מלחמהפריעדען

(דער מלחמה געשריי פון שלום)

סימפאני מוזיק טעגליך

מעזאניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8345

HIPPODROMME

City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

5 בערלא מיידלאך
א סובמארין סקעטש מיט 5 טויכענדע שעהנהייטען

לעאנארד און וויטני
א קאמעדיע פיעסעלע.

לא קרוא און דיקסאן
קונצען מאכעריי, זינגונג, קאמעדיע.

ספעציעלע פיטשור פילם די בעריהמטע
מדאם פעטראווא אין ״דער וואמפיר״

קלאווער ליעף טריא
זיסע זינגער פון דער סאוטה.

מינטא און פאלמער
א מוזיקאלישער קאמעדיע סקעטש

הייז מוזיקאלישע טריא
ספעציעלער עקסטרא אטראקשאן : זינגער, טענצער און אינסטרומענטאליסטען.

פערקלענערט די קויהלען בילס

ווען איהר נעהמט אריין קויהלען בערעכענט איהר די היטץ ווערטה אויף דעם פערלוסט אין אש און פייכטקייט? פילע קויהלען נוטצערס איבער גאנץ טאראנטא פערשטעהען איצט די וויכטיגקייט פון גאראנטירטע קויהלען — פאר פערגרעסערטער היטץ און אלע מעטהאדען פון הייצונג. זיי קויפען קאננעל

קויהלען

$7,50 א טאָן

א טעלעפאן קאלל, א פאסט קארד אדער קומען פערזענליך וועט האבען די שנעלסטע אויפמערקזאמקייט.

קאננעל אנטראסיטמיינינג קא.
הויפט אפיס קוין און ספעדינא
טעלעפאן עדיליר 2068,2569,3259

פערגעסט ניט היינט

זונטאג דעם 19־טען מארטש 1916

דעם גרויסארטיגען

קאנצערט

ארראנזשירט פון

בית המדרש הגדול חברה תהלים

מיקאל סטריט שוהל

פון 2 ביז 5 אוהר נאכמיטאג

צו העלפען די

מלחמה קרבנות

פאלגענדע טאלאנטען וועלען אנטהייל נעהמען.

חזן מאנאוויטש מיט׳ן גאנצען כאהר
פראפעסאר גלאז׳ס קינדער בענד

און פראמינענטע אידישע און ענגלישע רעדנערס וועלען אנטהייל נעהמען

איינטריט ביי פרייוויליגער קאלעקשאן

דאס פובליקום איז העפליך געבעטען צו קומען אין צייט ווייל די טהירען וועלען פערמאכט ווערען אום 2,30 אוהר שארפ.

אכטונגספאלל

ק. ל. שאפירא
פרעזידענט.

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
און
דער מאדערנסטער מסדר קדושין
אין טאראנטא.

איז

קאנטאר וולאדאווסקי

רופט זיך און איבערציינט אייך קאנטארי לייט קענען זיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזאנסט.

דר. מ. קייטס

דענטיסט

218¼ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט

DR. M. KATES, Dentist
218¼ Queen St. West
Phone Main 1979

אברהם קאהען

באררי סטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס

Office, "Sun Life" Building
60½ VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1545

דאס איז דער

חזן קאפלאן

וועלכער האט פאזעטיוו פערדיענט פון אללע־אידען פאטראניזירט צו ווערען די וואס קענען חזן קאפלאן, פאר די לעצטע 10 יאהר, אין טאראנטא, ווייסען עס דארום טהוט אייער מענשליכע פליכט און פאטראניזירט דעם יענעם וועלכער האט בערדיענט פאטראנייזט צו ווערען רעוו. מ. קאפלאן 166 דושאן סט. טעלעפאן עדלייד 1545, אפפיס טעלעפאן עדלייד 239. מוהל און מסדר קידושין

TERDIMAN'S

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס. וואורשט. סאַלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ׳ס כשר סאסעדזש מיט׳ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט בראנפען ווײן אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא

דזש. וו. הויען

188 קווין סט. וועסט, פאן מיין 106
פולער ליין פון כרמל ווין און בראנדי אין סמאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פרלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע ווארשט ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעיס. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די ווארעס : ווארשט, זונגע, קארענדביעף, באלאגנע

ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט

משה מאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. [illegible]

די פראוי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד

הויפט אפיס 323 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן : קאל. 386. מיין 5287

סטאראייזש רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור

אויסגעבעסטע וועגען. גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה. עקספערט פעקערס. באגגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטעריעלס בעזארגט. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

Toronto Wet Wash Laundry

Company, Limited

פערליערט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, די וואשען פאמיליע וועש.

דעמס 30 פונט — 75 סענט. ראו דרויען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET
Phone Parkdale 5280-5281

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

טעגליך	געהט אב 7.25 נאכמיטאג	אושען לימיטעד

מאריטים עקספרעסס

טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס

סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.

מאנטרעאל און האליפאקס

קאנעקשאן פאר סיינט דזשאן, די סידניס פרינס עדווארד אילענד, ניופאונדלאנד.

ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108 באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6903.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ׳ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

חזן מאגאווין
מוהל ומסדר קדושין

אלע זינען שוין איבערציינט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין.

רופט איהם און איבערציינט זיך.

אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

די געלעגענהייט פון ני־ אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף׳ן לאנד.

ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגריקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגערמאהנטען געגענד שרייבט צו :

דזש. ה. פערגוסאן
מיניסטער אף לענדס, פארעסט און מיינס.
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

סעפרייט רום סיסטעם

די וויליאמס

קארטיידזש און סטאריידזש קא.

טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספעדינא עוו. טאראנטא, אנט.

פיאנאס, באקסעס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען. וואגענס צו רענטען צו 1 דאלאר 25 סענט א שטונדע.

ווערהייזער : 551 קווין סטריט וועסט צוזעדעקטע וועגען. פלעזשור טריפס.

ל. י. רעדפערן

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

ווען איהר וועט היינט......

ווען איהר וועט היינט אין דער פריה געהן אין שוהל, הערען "מגלת אסתר", און זאגען "על הנסים", געדענקט אין זיי.

געדענקט, אז צעהנדליגער טויזענדער אידען וועלכע זיינען פאר א יאהרען און פאר צוויי יאהרען געוועזען אין אזא גוטען און זיכערען מעמד, ווי איהר זייט היינט, געפינען זיך היינט אין אזעלכע אומשטענדען, וואס די טיפעלשטע פאנטאזיע קען ניט אויסמאהלען.

געדענקט, אז מיט זיי זיינען קיין נסים ניט געשעהען, און זיי זיינען ניט נצול געווארען פון די המן הענד, און אז זיי האבען היינט ניט קיין שוהלען, וואוהין צו געהן, פייערען דעם יום טוב פון אמאליגע נסים און הצלות.

ווען איהר וועט זיך היינט נאכמיטאג אין אבענד מיט אייערע פאמיליען צום טיש זעצען, און זיך משמח זיין מיט די פורים סעודות, געדענקט אין זיי.

געדענקט, אז ווען איהר און אייער פאמיליע וועלען צו זאט עסען, געפינט זיך אייערער א שוועסטער, א ברודער, א מוטער און א קינד אין א גוסען צושטאנד, און שטארבט אב פון הונגער. געדענקט, אז ווען איהר וועט ביי אייער פרעהליכער סעודה א נגון זינגען, איז ווייט ווייט פון אייך, אין לענדער, וואו איהר זעלבסט, האט זיך אויסגעהאדעוועט און ערצויגען געווארען, הערט זיך דאס כארכלען פון די הונגער אבשטארבענדע, און די משוגענע קולות פון די מוטערס, וועלכע טוליען אין זייערע ארעמס די טויטע קערפער פון זייערע ליעבע און טייערע קינדער.

ווען איהר וועט היינט זיצען אין ווארעמע צימערען, און פערברענגען אין דעם קרייז פון אייער פאמיליע, געדענקט אין זיי. אייערע נאהענטע און טייערע, וועלכע היבען אויס זייערע נשמות אין פראסט און אין קעלט, אהן און אבדאך, און אהן א צודעק, און איבער זייערע איינגעקרימטע מיילער מערקט זיך דער פערקרעמפטער וועהטאג, וואס זיי זיינען געשטארבען אהן ודוי, ווייל זייערע ליפען האבען זיך ניט געקענט בעוועגען, צו שוואך זיינען זיי געוועזען צו זאגען די לעצטע תפלה, אום צו קענען שטארבען רוהיג.

געדענקט אין זיי.

געדענקט, אז ווען איהר האט היינט אייער פאמיליע ארום זיך, זיכט דארט א מוטער איהרע קינדער, וועלכע זי האט אויף'ן וועג פערלארען, און א מיעדער פאטער, וועלכער פאלט פון מיעדקייט און הונגער, שטרענגט אן זיינע לעצטע כחות, וואנדערענדיג איבער די שליאכען און וועגען, פערשנייטע פעלדער און וועלדער, אפשר וועט ער וועניגסטענס דעם טויטען קערפער פון זיין קינד געפינען.

געדענקט אין זיי.

וועט איהר אין שוהל, אין הויז, ביים טיש און אין געזעלשאפט, היינט קענען רוהיג בלייבען.

וועלען אייך די ביסענס און גלעזער קענען איינגעהן, וויסענדיג, אז דארטען אין אייער אלטער היים הונגערט א גאנץ פאלק, אלט און יונג ארים און רייך, און מאן און פרוי.

וועט איהר ניט הערען די גאנצע קייט פון צרות און גזרות, וועלכע אייער פאלק לעבט יעצט איבער. וועלען די קולות פון די גוסס'ע צו אייערע אויערען ניט דערגרייכען, און פאר אייערע אויגען וועלען ניט די בילדער ווי לעבעדיגע אויפשטעהן.

וועט איהר ניט הערען די שטימע פון דעם קבר, וועלכע רופט צו אייך אז איהר זאלט ראטעווען דאס, וואס עס קען נאך געראטעוועט ווערען.

וועט איהר שטיל בלייבען, וועלען זיך אייערע גליעדער ניט בעוועגען צו ראטעווען אייער פאלק פונ'ם ים פון פורעניות.

וועט איהר רוהיג בלייבען.

וועט איהר היינט רוהיג בלייבען ?

וועט איהר די גליקליכע, די זאטע, די זיכערע, רוהיג בלייבען, און רוהיג צו זעהען ווי עס וואקסען די מחנות פון טויטע, ווי עס מעהרט זיך די צאהל פון גוסס'ע.

ניין מיר ווילען דאס ניט גלויבען.

א ברודער קען ניט צוזעהען דעם ברודערס טויט, און א שוועסטער וועט זיך תמיד מקריב זיין צו ראטעווען איהרע שוועסטער פון דער טויטען שווערד.

געדענקט היינט אין זיי, אין אונזערע מאדערנע קדושים, וועלכע זיינען געפאלען אויף'ן מזבח פון דער אידישער אומה.

געדענקט אין די, וועלכע האבען זיך איינגעאפפערט פאר'ן אידישען כבוד.

געדענקט אין די מלחמה קרבנות.

געדענקט אין זיי.

געדענקט, אז אויב איהר וועט זיי ניט העלפען, וועלען זיי קיינע אנדערע ניט העלפען, און זייערע קערפער וועלען דאן נור זיין נאהרונג פאר רויב־פויגלען.

געדענקט אין די טויזענדער פערטריבענע און געיאגטע, געדענקט אין די וועלכע געפינען זיך אויף'ן שוועל פון דעם טויט, און וועלכע נור איהר קענט רעטען.

אין שוהל, צו אין דערהיים, פריוואט אדער אין געזעלשאפט, איבעראל זעהט היינט מקיים צו זיין די מצוה פון משלוח מנות פאר די מלחמה קרבנות.

דער היגער הילפס קאנפערענץ האט בעשלאסען צו זאמלען היינט משלוח מנות פאר די מלחמה קרבנות.

זעהט, אז ביי אייך אין שוהל, מנין אדער קאנגרעגיישאן, זאל מען מאכען א "קאלעקשאן" פאר די מלחמה קרבנות.

ווען דער וואלונטיר קומט היינט צו אייך, פאר אייער וועכענטליכען בייטראג, גיט זיי עטוואס עקסטרא אלס פורים געלד פאר די מלחמה קרבנות.

וויסט אז יעדער סענט מיינט ברויט און מילך פאר די לעבעדיגע און תכריכים פאר די טויטע.

שיקט היינט משלוח מנות צו די מלחמה קרבנות.

ושתי און זרש

(א פסיכאלאגישער עטיוד לכבוד פורים)

פון דר. בן־ציון שפייער.

— ושתי און זרש דיזע צוויי פרויען שטעהען אזוי צו זאגען אין הינטערגרונד אין פערגלייך מיט די הויפט פיגורען פון מגלת־אסתר, איך מיין — מיט אסתר אחשורוש, המן און מרדכי, און מיר ווילט זיך מאכען א פערזוך דיזע צוויי פאססיווע העלדינען אביסעל ארויסצופיהרען פון דיזען הינטערגרונד און אין קורצע שטריכען זייער היסטארישע געשטאלט דאס צו שטעלען, און גלייכצייטיג ווייט ווי מעגליך אויסצוגעפינען דעם פאראלעל פון דיזע צוויי "ניט אונזערע" פרויען טיפען, צו וועלכע דאס אידישע פאלק פערטראגט זיך ניט גאנץ פריינדליך. איך מוז דא בעמערקען, אז איך וועל מיר מיהע געבען ביי דיזער געלעגענהייט צו פערטראגען זיך גאנץ אביעקטיוו צו דיזע פרויען, פערגעסענדיג אויף א קליינע וויילע, אז איך בין אויך איינער פון יענעם פאלק, וואס טראגט אויף זיי "א הארץ" פאר פיעל יאהרהונדערטע, איך וועל זיי נור כאראקטעריזירען לויט די קוועלען, וועלכע מיר האבען וועגען זיי אין מגלת אסתר.

פאר וואס אידען רעדען וועגען ושת'ן מיט פיינדשאפט און מיט א געפיהל פון פעראכטונג און רעכענען זי זא נאר פאר א מין "קאמישע" פערזאן גלייך צו א וויזתא אדער א דלפון — ווייס איך ווירקליך די אורזאכע ניט דערפון. פיליייכט האט דאס דער אונגליקליכער קעניגין איהר מזל גורם געווען, ווייל א פאלקס־לעגענדע האט פיינט א שלים־מזל, און האלט אימער מיט דעם וואס איז דער זיגער, און קוים האט דיזע קעניגין איבעראל אמביציאן, — וואס צו יענער צייט האט דאס געהייסען נאריש — און געפעהרליכער קאפריז — האט זי געקענט פערלירען איהר קרוין און איהר קאפ, האט זי זיך ארויסגעוויזען צו זיין לויטן בעגריף פונ'ם פאלקס־אינסטינקט, א שלים־מזל, צו וועלכען מען דארף קיין רעספעקט ניט האבען, און דאס פאלק האט זיך שוין ניט געפוילט, און זי געקרוינט, אלס א קאמישע פיגור. אזוי האבען זיך געפיהרט די רוימער מיט די געפאלענע גלאדיאטארען, אזוי פיהרט זיך דאס פובליקום מיט די פערוואונדעטע און צוקריפעלטע טארעאדארען, און דיזער אינסטינקט איז פון אונז ניט אויסגעווארצעלט געווארען מיט דער גאנצער קולטור פון יאהרהונדערטע, דאס לעבען ליפערט טעגליך דאצו זעהר פיעלע איללוסטראציאנען, און איך דארף קיינע פיעלע ביישפיעלע ניט זוכען, ווי א חכם פון נעכטען קען זיך היינט צופעליג, אדער נאך לאניש, אויסגליטשען, און מיט איין מאל, פון זיינע פריינד און בעקאנטע אויסגעפייפען ווערען, אז דער היינטיגער לא יוצלח, איז אויך נעכטען געווען א גארנישט, נאר נעכטען האבען מיר זיין ריכטיגען אינהאלט ניט געזעהען, און היינט זעהען מיר ריכטיג...

* * *

וואס האט אונז, אידען, ושתי פאר שלעכטעס געטהאן? עס איז דא א לעגענדע, אז ושתי פלעגט פערופען אין איהר פאלאץ אידישע מיידלאך און פרויען און פלעגט זיי מאכען ארבייטען אום שבת. זאלען מיר אננעהמען, אז דיזע לעגענדע איז ריכטיג, האבען די הערשער פון אלע צייטען אונז קיין ערגערע צרות ניט אנגעטהאן. וואלטען מיר אפילו ביי איצטיגער צייט געהאלטען פאר אזא שרעקליכען פערברעכען, ווען א אייראפייאישע קעניגין, אדער א צאריצא, וואלט פערופען צו זיך אידישע מיידלאך און וואלט זיי געגעבען בעשעפטיגונג פאר שבת?..

נאטירליך וואלט א הערשערין פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, און אין א אייראפייער קעניגליכען הויף, געמוזט געבען די אידישע טעכטער פיינערע ארבייט און פערטראגען זיך צו זיי, לפנים וועגען נאבעל און מאיעסטעטיש... פון "שושנת יעקב" זעהען מיר אויסדריקליך, אז אידען האבען זאגאר אין אלטע צייטען ושתי פאר קיין רשעת און אידען פיינדין ניט געהאלטען, און האבען פאר איהר קיין קללה ניט געפונען, ווייל מעהר ווי צוויי קללות האבען אידען אין שושנת יעקב זייערע פיינד ניט איינגעטהיילט:

"ארור המן אשר בקש לאבדי."

"ארורה זרש אשת מפחידי." דאס הייסט:

"פערפליכט זאל זיין המן, וועלכער האט מיך געוואלט אויסראטען, און פערפליכט זאל זיין זרש, די פרוי פון מיין שרעקונגס־גייסט".

אננעמענדיג, אז דער פערפאסער פון שושנת יעקב וואלט זיך ניט געפוילט צו געפינען א קללה פאר ושתי ווען זי וואלט עס ביים אידישען פאלק פערדינט, — מוז מען קומען צום בעשלוס אז אויב ושתי האט אפילו געטהאן קליינע עולת צו אידישע קינדער איז זי אונז קיין שונא, וואס האט געזוכט אונזער אונטערגאנג, זיכער ניט געוועזען...

* * *

אין דער צייט וואס וועגען אנדערע ביבלישע פרויען איז זעהר פיעל געשריבען געווארען, און פיעלע קינסטלער האבען זיי פעראייביגט אין דער מהלעריי, סקולפטור און מוזיק, — האט כמעט קיינער קיין מיה זיך ניט געגעבען אום ושתי און זרש אין דער קונסט א ריכטיגען פלאץ צו געבען די גענילסטע און פראדוקטיווסטע צוויי קינסטלער פונ'ם 19 יאהר־הונדערט וועלכע האבען געשאפען א רייכע גאלעריע פון ביבלישע טיפען דער פראנצויז גוסטאוו דארע און דער רוסיש אידישער מאלער אקאדעמיקער מאיימין — האבען פאר ושתי און פאר זרש קיין פלאץ צווישען זייערע ביבלישע פרויען ניט געפונען. — איין און איינציגען בילד פון ושתי האט זיך מיר דאן געמאכט אין קייזערליכען ערמיטאזש אין פעטערסבורג צוזעהען, דער מאלער איז א פראנצויז, אבער זיין נאמען קען איך מיר ניט ערינערען, וועהרענד זיין מייסטערווערק שטעהט ווי לעבענדיג פאר מיינע אויגען, און ווי גוט דער מייסטער האט די פסיכאלאגיע פון ושתי פערשטאנען!...

ושתי, די געבארענע פרינצעסין און וועלט־בעריהמטע שעהנהייט, פערפוצט אין פראכטפאלע אריענטאלישע קליידער, דער קאפ אין דער האלז בעציערט מיט די בעסטע קאסטבארסטע עדעלשטיינער, שטעהט, מאיעסטעטיש דעם קאפ אויפגעהויבען, און מיט א קאלטען פעראכטונגס בליק אין די שעהנע דונקעלע אויגען קוקט זי צו דער טיהר פון איהר בודואר, וועלכע זי האט נאר וואס נאך זיך פערשלאסען. דאס האט זי מיט א קורצער ווייליע צוריק דורך דיזער טיהר פון זיך פערטריבען די מעכטיגסטע קאמערהערען און די נער פון איהר לייבוויזיגען מאן, און זי ווייס, אז עס איז גאנץ מעגליך, אז מיט איהר האנדלונג האט זי פערזיגעלט איהר טויט אורטהייל — אבער דאס שרעקט זי ניט; בעסער דער טויט, אוידער אויסצושטעהן די שאנדע, וועלכע דער שכור'ער אחשורוש האט פון איהר פערלאנגט עפענטליך דורכצופיהרען אויף דער ארגישער וואקחאנאליע, ארומגערינגעלט פון זיינע פריינד די גובערנאטארען און הערשער פון די פילע פראווינצען פון זיין גרויסער מדינה.

דא האט איהר די גאנצע כאראקטעריסטיק פון ושתי

דער געבארענער שטאלץ פון דער פרינצעסין האט בעזיגט דעם דעספאטיזם און דעם שקלאפען רעזשים פון דעם מעכטיגסטען הערשער פונ'ם אריענט צו יענער צייט. זי האט פאר דער גאנצער וועלט, און צוערשט פאר דעם קעניג מיט זיינע אלע פרינצען, ראטהגעבער, וויצעקעניגע און האפלייטע געוויזען א געפעהרליכען ביישפיעל, צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון פרס און מדי און פונ'ם גאנצען אריענט — אז א פרוי קען, ווען זי איז שטאלץ גענוג, ארויסגעהן פון איהר צושטאנד פון שקלאפעריי און בלינדער אונטערטעהניגקייט, און ענטזאגען א בעפעהל אפילו פון א הערשער ווען דאס דארף זאגאר בעצאהלט ווערען מיט'ן לעבען. איהר זעהט פון דעם טעקסט פון דער מגלה, ווי אלע האפלייטע זיינען פערציטערט און צומישט געווארען פונ'ם קאטעגארישען ענטשלוס פון דער קעניגין, די ראטהגעבער, די האף קאמערילע און די הערשענדע געסט זיינען מעהר געשראקען געווארען פונ'ם רעוואלוציאנערען ענטשלוס פון דער קעניגין, מעהר ווי אחשורוש זעלבסט. ביי אחשורוש איז דער בעפעהל צו ושתי זי זאל ערשיינען פאר זיינע געסט איהר "נאטירליכער" שעהנקייט געוויזען ניט מעהר ווי א מאמענטאנער קאפריז פון א שוועכלינג און א שכור, און ווען ושתי'ס ענטזאגענדער ענטפער איז געקומען, איז מעגליך אז זיין קאפ איז שוין געווען א ביסעל קעלטער און ער האט פון זיך אליין איהר קיין שום שטראף ניט געוואלט בעשטימען, אבצוואר אלס דעם פאטישער זעלבסטהערשער האט ער פון קיינעם קיין עצה ניט געדארפט פרעגען און האט איהר געקענט צוטהיילען וועלכען שטראף ער וואלט אויסגעקליבען. דאן הערט ווי ער ווענדעט זיך גאנץ קאלט און געלאסען צו זיינע ראטהגעבער: —

—"זאגט מיר וועלכען שטראף, דענקט איהר, פערדינט ושתי נאכ'ן געזעץ פון פרס ומדי!".

אבער גראדע דיזער בעראטה מיט זיינע דעספאטישע מיניסטארען האט ושתי'ן צור הינריכטונג געפיהרט, די ראטהגעבער האבען זיך אזוי פערגעסען, אז זיי האבען גארניט געדענקט נאכצוקוקען די געזעצע פון לאנד, דיזע האף־קאמעריליע האט אינגשעניערט ארויסגעוויזען, אז זיי פערזענליך זיינען פון ושתי'ן מעהר געטראפען און פערלעצט געווארען ווי דער קעניג זעלבסט. פון קיין געזעץ און גערעכטיגקייט האבען זיי גאר ניט מיט דעם קעניג ניט גערעדט, זיי האבען נאר מיט א ביטער הארץ ערקלעהרט און בעוויזען, אז דער קעניגינס ענטזאג, וועט פיהרען דאצו, אז אויך זייערע פרויען וועלען נעהמען זיך קריטיש פערהאלטען צו זייערע בעפעהלען און עס וועט זיין וכדי בזיון וקצף, א שאנדע און א הארצוועהטאג פאר זיי, פאר מעכטיגע האפלייטע פון אחשורוש.

הערט נאר ווערטער פון אונפערשעהמטע עגאאיסטען: —

"ניט געגען דיר אליין, דו קעניג, האט ושתי געזינדיגט, נאר אנקעגען אלע הערען און פעלקער פון אלע לענדער פון קיניג אחשורוש, ווייל פון איצט אן וועט איבעראלל אנגענומען ווערען פון אונזערע פרויען דער שטאנדפונקט פון דער קעניגין, אז — פרויען מעגען פערשעהמען און ענטזאגען זייערע מענער, ערקלערענדיג דאס מיט א בעווייז אז אויך ושתי, ווען דער קעניג האט בעפאהלען זי פאר איהם צו ברענגען — האט זי זיך ענטזאגט צו קומען"...

דאס ענד פון ושתי איז בעקאנט: זי האט פאר איהר נאטירליכען גערעכטען שטאלץ תמיד בעצאהלט איהר קרוין און מיט איהר לעבען. אבער זי איז דאן געוועזען די ערשטע העלדין, וועלכע האט געוואגט דער אריענטאלישער פרוי צו וויזען א ביישפיעל אז א פרעבער פערלאנג פון א דעספאט קען און מוז ענטזאגט ווערען, ושתי דארף מיט רעכט פעררעכענט ווערען אלס די ערשטע היסטארישע קעמפפערין פאר דער בעפרייאונג פון דער פערשקלאפטער און בלינד אונטערטעהניגער אריענטאלישער פרוי — ושתי האט מעגליך אידישע קינדער ניט ליעב געהאט אבער ווי איך האב אויבען בעוויזען האט זי דעם גאנצען אידישען פאלק קיין פערניכטונג ניט געוואונשען. מיר, ווידער זיינען ניט פערפליכטעט צו איהר צו פיהלען א ווארימע ליעבע, אבער א טיעפען רעספעקט מעג מען פיהלען אפילו צו אן אויסגעשפראכענעם פיינד, ווען ער איז נור אן אמתער העלד, און א שטאלצער קעמפפער פאר נאטירליכע רעכטע, אזא רעספעקט קען צו איהר יעדער איד פיהלען ווען ער שטודירט נור אביעקטיוו דעם קורצען עפיזאד פון איהר נידערלאגע לויט ווי ער איז געקינסטעלט איבערגעבען אין מגלת אסתר.

* * *

איצט געהען מיר איבער צו דעם אנטיפאדישען טיפ פון ושתי — צו דער ליבער זרש —, די געטרייע פרוי און העלפערין פון אונזער ליעבזעליגען פריינד המן.

זרש'ן — שילט שוין גאנץ גוט דער שושנת־יעקב, און זי האט עס ביי אידען געוויס גאנץ כשר פערדיענט, און ניט אזוי פיעל פאר איהר ערשטער עצה — צו הענגען איהר מאנ'ס פיינד, מרדכי, דעם אידען ווי פאר איהר צווייטע עצה, וואו עס ציינט זיך ארויס די גאנצע נידריגע נשמה איהרע איהר פאלשער אפפארטוניזם, און איהר קריטישער שקלאפען־גייסט, קענענדיג דעם אידען, אז ער איז דורך א בעל רחמים, און ווען מען בויגט זיך צו איהם מען בעט איהם איבער און מען ווערט צו איהם צו געטהאן — איז דער איד פעהיג צו פערדייהען דעם ערנסטען שונא פון נעכטען, און וועט זיין בלוט ניט פערלאנגען

זרש איז אין דער קונסט ניט פעראייביגט געווארען, און אויב די ניט אידישע וועלט האט וועגען זרש'ס אויסזעהען קיין בעגריף ניט געהאט און קיין בילד פון איהר ניט פערגעשטעלט, האבען אידען דיזען העסליכען פרויען טיפ זיכער אין די אלגעמיינע קונסט ניט אריינגעצאגען. אין די אלטע געדרוקטע מגילות איז זאגאר דא איין איינציגער איללוסטראציאן, וואו עס ווערט אבערגעגעבען אן עפיזאד מיט זרש, אבער דער עפיזאד איז ניט קיין עסטעטישער און ניט קיין זויבערער, אזוי ווי די נשמה פון זרש זעלבסט אינפארטעשטעלט איז דער עפיזאד אין אומגלומפערטע שטריכען וועלכע ווייזען ניט אן אויף דעם קינסטלערישען טאלאנט פונ'ם אימפראוויזארישען אונבעקאנטען אידישען צייכנער...

מיר קענען זיך נאר זרש'ן פארשטעלען יעדער פון אונז נאך זיין אינדיווידועלער פאנטאזיע נאך, אבער זיכער איז דאס בעשטימט, אז זרש איז קיין סימפאטישער פרויען טיפ ניט געוועזען... איהר שטאלץ איז ביי איהר געווען ניט קיין עהרליכער און ניט קיין נאטירליכער ער איז בלויז געוועזען א טריעב פון אן עהרגייציגען און גלייכצייטיג נידריגער נשמה, וועלכע איז אוננאטירליך אויפגעבלאזען, ווען דער שונא איז געצווימט, און וועלכע קען זיך גלעטען און לאשטשען צום פיינד ווי א קאץ, בעהאלטענדיג די שארפע נענעל, ווען דאס איז א נויטווענדיגקייט, ווען די אייגענע פעהל איז אין א געפאהר. — די צווייטע עצה, וועלכע זרש האט געגעבען צו איהר מאן המן איז אימער געווען דער געפערליכסטער פאר אונזער פאלק אידען דאן פערשטעהען און אפענעם קאמפף און דאן וויסען זיי וואס זיי האבען צוטהאן אבער זייענדיג בטבע ניט בלוט־דורשטיג, קענען אידען זעהר אפט דורכפאלען, ווען א פיינד שלאגט זיך אין הארצען און שרייט: "פערגיעב מיר, איך האב פאר דיר טאקע געזינדיגט, אבער אין דער צוקונפט וועל איך זיין גוט און פרום און וועל געדענקען אז איך בין א מאל געווען ביי דיר אין האנט און דו ביזט געווען גרויסמוטהיג און האסט מיר מיין לעבען געשאנקען", אידען האבען אפט אין דער גאנצער לענג פון זייער היסטארישען לעבען און אין אויך אין גלות געהאט ביטערע ערפאהרונגען, ווען נור זיי האט זיך געוואלט מיט זייערע פערדארבענע און ליסטיגע פיינד האבען איינזעהעניש; אזוי איז געווען מיט די גבעונים, אזוי איז אויך געווען מיט המן'ס עלטער זיידען און איבער וועלכען שאול האט פערשפילט זיין מלוכה. ווען איהר שטודירט די מגילה ריכטיג זעהט איהר, אז די צווייטע עצה, וועלכע המנ'ס פריינד און זרש האבען איהם געגעבען איז געווען זעהר א געפעהרליכע, ווייל זיי האבען געשפיעלט אויף דעם רחמנות געפיהל פון דעם אידען, גליקליכער ווייזע האט מרדכי געוואוסט פון שאול'ס פעהלער און ער האט ניט געאכט אויף המנ'ס חניפה און פלוצלים'דיגע אונטערטעניגקייט. זעהט נאר וואס זרש האט געמיינט מיט פאלגענדע ווערטער:

"אם מזרע היהודים מרדכי, כי אשר החילות לנפול לפניו — לא תוכל לו, כי נפול תפול לפניו", דאס מוז ניט פערטייטשט ווערען אלס א פראפעצייאונג, אז המן וועט פאלען און פאללען טיעפער פאר מרדכי, נאר דאס איז געווען א געוועהנליכער מאנעווער פון א פוקס, און געמיינט האט זרש, אזוי צו זאגען:

"אויב מרדכי איז א ריכטיגער איד, איז ווען דו האסט שוין אנגעהויבען פאר איהם פאלען וועסט איהם נאר דאן קענען בעזיגען ווען דו וועסט זיך אונטער איהם אונטערגעבען, מאכען זיך אונטערטעהניג און דאן קען זיין ער זאל דיר אליין מוחל זיין און פערגעסען אז דו האסט געוואלט זיין פאלק אומברענגען".

זרש'ס עצה איז דעם מאל ניט געלונגען, און מיר האבען די מעגליכקייט יעדען יאהר זי צו שילטען ווי זי איז ווערטה...

* * *

פון די אויבענדערמאהנטע אויסציגע פון מגלת אסתר אי וועגען ושתי אי וועגען זרש, זעהט מען ווי ווייט דיזע צוויי פרויען זיינען געשטאנען איינע פון דער אנדערער. עס זעהט זיך ארויס זעהר רעליעף אז זיי זיינען געוועזען ריכטיגע אנטיפאדען. און וועהרענד מיר מעגען ושתי'ן ניט ליבען קענען מיר צו איהר אבער האבען א טיעפען רעספעקט, אבער צו זרש קענען מיר פיהלען ניט נאר א האס ווי צו א שונא וואס האט אונז געוואלט אומברענגען, אבער אויך אן עקעל ווי צו א נידריגע, קריכערישע נשמה, וועלכע איז אויך אלין געוועזען פעהיג...

דער צווייטער נס פו
פורים

(קאמעדיע דראמא אין איין אקט)

פון א. ד. גלושאקאוו

פערזאנען

לייוויק בעל עגלה (רעדט מיט א באסאווע שטימע)

פעסי — זיין פרוי (א תמ'עוואטע אידענע)

גיטעל — זייער טאכטער (א פעסטגעבויטע שעהנע פרוי)

צדוק — איהר מאן (זעהט אויס ווי א קלויזניק)

ארט. — — — — — — — אין קליין־רוסישער שטעדטעל. צייט: — געגענווארט.

אן עס צימער ביי לייוויק בעל עגלה, איינפאך מעבלירט, אהן געשמאק. לינקס א טיהר אין גיטעלס שלאף צימער. רעכטס א טיהר, אין קיך. אין דער מיט א טיהר צום גאס. ס'איז פורים צייט; פעסי גרייט דעם טיש צו דער פארנאכטיגער פורים'דיגער סעודה. צדוק, זיצט נעבען א קליין טישעל קוקט אריין אין א ספר אפט רייסט ער איבער זיין לערנען מיט א שווערען זיפץ, און א מעלאנכאלישע טיף שווייגעניש באהערשט איהם. פויזע)

פעסי: (כאפט א קוק אויפ'ן וואנט זייגער) שוין נאך דעם פאטשטאווען פאיעזד, באלד קומט לייוויק, און מיר וועלען אנהייבען פראווען די סעודה. (פויזע) צדוק, וויפיעל איז דער שיעור? נאר געקוקט אין ספר, אין ספר, אין ספר...

וואלסט בעסער נישט שלעפען אויף זיך אזוי דעם בטלן! און וואלסט בעסער כאפען א קוק אין א מארק־טאג ביי די פיש, הינער, אייער, חזיר־האאר... עפעס וואס נאר... (פאזירט איהם נאך ווי ער שאקעלט זיך, מאשינעל אב אין קיך)

צדוק: (רייסט איבער זיין לערנען) — אך גאטעניו גאטעניו! עד מתי? ביז ווען וועט עס מיר אזוי שלעכט זיין?.. פון תמיד אן, ווען איך בין נאך געווען א ישיבה בחור, האב איך קיינמאהל נישט געוואלט עובר זיין די רייד פון חז"ל: (רעדט די גאנצע צייט מיט א גמרא ניגון) "ולא קרדום לחפר בה". איך וויל נישט אויסנוצען גאטס תורה צוליב פרנסה...

גיטעל: (געהט אריין פון קיך טיהר בלייבט שטעהן שטיל, הערט זיך צו צו זיין רעדען.)

צדוק: — גאטעניו, אויב ס'איז נישט באשערט מיר צו זיין א תבואה־הענדלער, מאך מיך פאר א וואלד־הענדלער... אויב דאס אויך נישט, — כאטש א פעעל־הענדלער.. און אויב חו"ש, איז ביי דיר גוזר געווארען איך זאל א פעעל הענדלער

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

די בעוואוסטע
האמבורג
קאנסערוואטארי אף מיוזיק
— לערנט —
פיאנא, וויאלין, סעללא און זינגען
די לעקסאנס ווערען געגעבען ביי די בעסטע לעהרערס וועלכע פערזיכערען גוטע רעזולטאטען.
טערמס פאסענד פאר יעדען:
פון $5 ביז $30 פאר 10 וואכען.
די קאנסערוואטאריע איז אונטער די פערזענליכער אויפזיכט פון פראפעסאר האמבורג.
194 וואולסלי סטריט
טעלעפאן נארטה 2341

דייוויד קעסלער
מיט זיין גאנצער ניו־יארקער סטאר קאמפאניע
וועט שפיעלען אין טאראנטא
דיא דראמא וועלכע האט גענומען גאנץ אמעריקא מיט שטורם, און וועלכע האט 250 נעכט נאכאנאנד געבראכט פילע הייזער אין ניו־יארק, און דאס איז
די
הארץ
פון
אפרוי

וועלכע ווערט געשפיעלט בלויז פון דייוויד קעסלער און בלויז אין נוויארק. אין קאנאדע איז נאך די פיעסע ניט געשפיעלט געווארען, אויב איהר האט געזעהען א פיעסע אדווערטייזט בפאר מיט אזא נאמען איז עס בלויז א נאמען אבער דיזע פיעסע איז נאך קיין מאהל פון קיינעם דא געשפיעלט געווארען און קען ניט געשפיעלט ווערען אויסער פון דייוויד קעסלער.
שבת אבענד, דעם 1־טען אפריל
— אין —
מעססעי האלל
טיקעטס 25 ס. 50 ס. 75 ס. און $1
שוין צובעקומען אין דווארקינס 145 סאנט פעטריק סט. סטאר (בלויז) פאן קאל. 4029

וויל ביי אונז קריגט איהר דעם אמת גוטען סוט מיט׳ן פיינעם אווער קאוט פאר

16
דאלאר

לכבוד יום־טוב!

פערגעסט ניט אז פאר אלעס מוזט איהר אנטהון א שעהנעם סוט!

פערגעסט ניט אז פריהלינג קומט, ער איז שון דא!

פערגעסט ניט אז א סוט מוזט איהר האבען שעהן, גוט בילינג און די הויפזעכליך, ער זאל אייך פיטען

25 דאלארדיגע סוטס און אווערקאוטס פאר בלויז 16 דאלאר.

אונז לוינט זיך עס צו מאכען פאר אזא פרייז ווייל מיר בעקומען די וואארעס דירעקט פון די מילס

צוליעב די שלעכטע צייטען מאכען מיר א אמת שעהנעם און גוטען סוט און אווערקאוטס פאר בלויז 16 דאלאר

געדענקט אז פאר $16 וועט איהר אויסזעהן פיין און אנשטענדיג און מענשען וועלען אייך רעספעקטירען.

מיר האבען א סטאק פון טייערע סחורות און די ארבייטער אונזערע זיינען קינסלער. א בעווייז: אונזערע צאהלרייכע קאסטימער.

ניט אלע מאנטאג און דאנערשטאג מאכט מען זיך סוטס און אווערקאוטס.

זייט דארום פארזיכטיג געהט אין ריכטיגען פלאץ

The Excellent Tailoring Co., Telephone Adelaide 2692 256½ Queen W.

איהר טארט ניט און דארפט ניט צאהלען טייערער ווי

— בלויז —

16
דאלאר

(פארזעצונג פון פוידזש 4

לער אויך נישט זיין; טא וואַרט מיך נישט צי האנדלען מיט שיכווארג... און טאמער גאטעניו, וואלט געווען א פלאן... (רייבט דעם שטערען) כ׳זאל גאר האנדלען מיט אייער... דאס איז אויך א גאלדען געשעפט!... (פערגלאצט די אויגען ארויף) גאטעניו, דו ביזט דער גאט פון שעשה נסים לאבותינו.. דו ווייזט אויף היינטיגע צייטען דיינע וואונדערליכע כחות, חכמות און מלחמות... ווייז מיר אויך עפעס א דרך הישר א דרך החיים.. (קנאקענדיג מיט די פינגער שרייט אוים מיט התלהבות) יא, יא, איך האב — ליעבער גאט מיט וואס ניט איז, — אבי א סוחר זאל איך זיין!... (מורמעלט שטיל א ניגונדיל ווע׳ כען מען געברויכט אפט ביי א שווערען שטיקעל גמרא..)

גיטעל: (פלוצים) — רעדסט שוין ווידער מיט גאט! ער וועט דיר ווייזען א נס... ער וועט דיר אראפציקען א שטיין אין קאפ! דו בעקלעהר בעסער שוין 8 חדשים נאך אונזער חתונה, און דו האסט נאך ניט פארדינט קיין 8 גראשען... מילא לערענסט, האסט חשק צו לערנען, ווער זשע כאטש א מלמד, א שוחט צו א רב... (היציגער) איינמאהל אין א יאהר, פורים לייענען די מגלה וויל דאס אויך נישט.. משה יאסיע דער מלמד, איז אזא שעהנער למדן ווי דו, האט געמאכט היינט אודאי א פאאר רובל פון מגילה־געלט... פון וואס עס איז פארדינען אבי ניט זיצען און עסען דעם טאטענס ברויט!... איך האב געוואַרט מיידעלווייז געהאפט פטור צו ווערען פון מיין טאטענס טיש... און איצט נאריר א מאן א פאטראן, א בטלן, א קלויזניק, ער רעדט מיט גאט, און ווארט אויף נסים!..

צדיק: ברוך הבא! ביזט אויפגעשטאנען איפ׳ן לינקען זייט.. וואוהין דער ווינד בלאזט — אהין געהסטו... נעכטען ביזטו געזעסען נעבען מיר, געזיפצט און געוויינט מיט מיר צוזאמען, אויף אונזער ביטערער לאגע... דו אליין האסט דאך געזאגט: — אז מיין שווער, דיין טאטע הייסט עס, צאפט אונזער בלוט... דו פארשטעהסט דאך אליין; ווען ער גיט מיר אפ די 500 רובל׳ נדן, ווער איך באלד א סוחר. א קונץ, וואס? גלויב מיר אז א בלעטעל גמרא מיט א תוספות איז שווערער און שכלדיגער אודאי, איידער קויפען ביי א גויע, הינער מיט אייער, אדער זיצען אין א קראם, פון.... נו...

גיטעל: (שלאגט איבער) כוואריו דיר אין האלאווא!.. שלים מזל איינער, א מאן א לעמעשקע, מיין טאטע, האט זיך געוואלט א זיידענעם יונגען מאן״, א תלמיד חכם! אז אך און וועה איז מיר... דער פויער זאגט אבער א גלייך ווארט איז עס להבדיל ווי א תורה:

וויל דא וואלא, א קין דא קאניא״....

פערשטעהסט? איך מיט דיר זענען אזא פאאר ווי א גאנז מיט א חזיר...

צדיק: הייסט עס, אז דו וואלסט וועלען האבען דיין גליבען פאר א מאן א ״גאנער״... (דרעהט מיט׳ן גראבען פינגער) זאג זשע מיר ווי איז בעסער צו האבען א מאן א ״גאנער״, און זאל ער גיין ארום־דרעהען׳זיך מיט אנדערע ״גענז״.. אדער האבען אזא מאן וואס איז נישט אזוי ״גאנערדיג״ ווי דיר ווילט זיך און ער זאל זיין נעבען זיין פרוי אין דער היים.. מיט איהר צוזאמען ...

גיטעל. — דאס אלעס וואס איך האב פון דיר; א דרעה מיט׳ן גראבען פינגער, און א קראץ די פאטילניצע אגלעט די פאות׳לעך... און גאר! (אב)

צדוק: (מיט א בעדויערענדען טאן) — א די חז״ל, די חז״ל! זייערע ווערטער זיינען פערל! — דער עיקר איז טאקי אין א פאמילן־לעבען דאס די פרוי זאל זיין א בת תלמיד חכם... וואס קען איך בעסערס דערוואַרטען זיך צו הערען פון א בעל־עגלה׳ס א טאכטער?...

(פאטשט זיך אין די באקען אוים אויפרעגונג) איי איי צדיק, ביזטו ווערט פעטש!.. אין פעטש!... פארקויפט זיך פאר געלד... א פוחר געוואלט ווערען... נישט געקוקט אויף דער שטאל, אויף דער בהמה.. אבי א גאלדענע שטריקעלע״ האט מען מיר צוגעזאגט צו געבען... (מיט א גמרא נגון) צו געזאגט בלויז נאר ניט געגעבען... נאר נישט געגעבען... (עס הערט זיך פון גאס א צופאהרען פון פערד, לייוויקס, שטימע לאזט זיך הערען: ״טפרר! גאשאדקי! פעסי! א פעס! טראג ארוים דעם האבער״!..)

פעסי: (קומט אריין פון קיך טהיר טראגט א זעקעל האבער) — באלד, לייוויק! איך טראג! (אב אין גאס טהיר)

גיטעל: (טראגט צום טיש געשיר מיט א גרויסען געדרעהטען קוילעטש)

צדוק: — גיטעל, לאמיר ביידע זאגען היינט, דיין טאטען וועגען די געלד... פיעליכט, ביי דער סעודה וועט ער זיין אויפגעלעגט...

גיטעל: — לערנען קענסטו, מיט גאט רעדסטו, מיט דער ווייב קענסט זיך גוט אויסטענה׳ן און ביי דעם טאטען בעטען געלד, קענסטו ניט? וואס וועט פון דיר זיין?... כעמיע׳לע, דער לאיודלה! טפוי, זאלסטו ווערען!.. (בייז אב) אייפטריט לייוויק און פעסי)

לייוויק: (ווארפט אראפ די גרויסע ביקע פון זיך, בלייבט אין א ווארעמען קאפטאן) — נו חברה! עסען. שוין זאל זיין דאס׳עסען! (פעסי אב) איך דארף נאך באלד נאך דער סעודה, אבפיהרען 2 פאר שיינגען אין א דארף אריין... פורים איז טאקע א יום טוב אבער א 5 קארבאוועצעס איז אויך געלד!... ווי זאגסטו צדוק? (ער שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ״יא״ אב אין קיך טיהר. פעסי און גיטעל ברייננגען געקעכץ צום טיש.) — פעסי, גיב אקארשט די נאסטאיעטשקע לכבוד פורים!... (פעסי שטעלט א פלאש מיט א גלעזעל אויפ׳ן טיש. לייוויק טרינקט און עסט אויף ביידע באקען... צדוק קומט אריין ווישענדיג די הענד מיט א קליין טיכעלע מאכט שטיל די ברכה, זעצט זיך נעבען טיש, א צי־ טראגענער, ווארפט בליקען צו לייוויקען, איז לייכט צו פארשטעהן, דאס ער וויל עפעס פרעגען, נאר ער וואגט ניט, עס פעהלט מוטה...)

לייוויק: (ארייננגיסענדיג א גלעזעל אין מויל) — נו. צדוק וואס טראכטסטו דיר? א, צדיק!

צדוק: — וואס הייסט, וואס איך טראכט מיר? איך טראכט אלץ וועגען דעם. וועגען... דאס...

לייוויק: (מאכט זיך פערטיג נאך א גלעזעל) — וועגען וואס וועגען דעם?.. (טרינקט)

צדוק: — שוויער, לעבען, שוין צייט מיר געהן אין מסחר אריין.

לייוויק: — געהט מען.

צדוק. — איהר האלט מיך אב.. איהר לאזט מיך ניט... גיט מיר...

לייוויק: (קעהרט איבער א גלעזעל.. מיט רציחה) — דוק! ! האסט א ווייב?!

צדוק: — נו? — ? ? .. (פעסי און גיטעל זיצען פערגליווערט)

לייוויק: — סע האט זיך דיר פערוואלט א ווייב !...

צדוק: (בלייבט אהן לשון... רייבט דעם שטערען, קנאקט די פינגער, און באלעקט זיך מאשינעל מיט דער צונג...)

לייוויק: — טא זיי זשע מוחל און גיב איהר ברויט !..

צדוק: (ווארפט אראב אונגערען א טעלער... ווערט נאך נערוועזער, שטאמעלט) — וואס הייסט?.. איהר... ווילט נאר..

לייוויק: — בע־בע־קע, מיר ווינציגער, און פערנעהם זיך פון מיין שטוב!...

צדוק און גיטעל: — וואוהין?... (גיטעל רייבט די אויגען)

לייוויק: — פון מיינט וועגען געה מיט איהר אין דער ישיבה אריין... כעבעבע (נאך א גלעזעלע)

פעסי: — לייוויק, רעדסטו? בעטלען איבער דערוועלט, שיקסטו אונזער קינד...

גיטעל: (ציינט אויף לייוויק׳ן) — פריהער האט ער געוואלט מיט דער נאז די ערד געגראבען, קריגען זיך א צאצקע א איידעם! אויף צו להכעים אלע בעל־גלות געוואלט זיך אויסקויפען... און איצט? ... דו ווילסט טהאן ערגער איי דער גאווריל׳ע דער שמייסער... (כליפעט)

לייוויק: — שטיל, זאל זיין!! וואס הייסט, איך האב געוואלט? און וואו ביזטו געווען? חיים׳קען, שלמה׳קע דעם בעל־עגלה׳ס האסטו ניט געוואלט פאר א מאן, א רבי׳צין געוואלט זיין!.. טא געה מיט איהם!... איך קען ניט הארעווען אויף דארמאיעדניקעס!

צדיק: (וועלכער איז געזעסען די גאנצע צייט א פערלווירענער... מיט א הייזעריקען קיל) — נ. אין... נדן, שווער?..

לייוויק. — נו, און א ווייב, צדוק?...

צדוק: (אויפגערעגט, שפרינגט אויף) שווער, מיין געלד! מיין געלד גיט מיר!..

לייוויק: (תמ׳עוואטע) — וואס פאר א געלד?

צדוק: — מיין געלד!

לייוויק: — וואו האסטו געלד?

צדוק: (גלאפענער) — שווער, נדן האט איהר מיר צוגעזאגט?

לייוויק: — צוגעזאגט...

צדוק: — קומט מיר נדן? זאגט מיר איין ווארט; קומט מיר צו ניט?

לייוויק: — גיט זשע מיר אב מיין געלד..

צדוק: (שרייט אויסער זיך) — מיינע פינף הונדערט קארבען!... מיינע פינף הונדערטער! ! ...

גיטעל: (וויינענדיג געהט אב אין איהר צימער)

פעסי: — צדוק, מיט גוטען בעסער.. נאר מיט גוטען, מאך ניט קיין גוואלדען.. לייוויק. פערשטערט ניט די סעודה!.... זאל זיין שטיל, מע וועט זיך צונויפלויפען אויפ׳ן בייזוואונדער!..

צדיק: — מיינע געלד זאל ער מיר אפגעבען! מיינע!... (שטעלט זיך קלאפט זיך אין הארצען) מיינע! מיינע!...

לייוויק: (שכור׳ליך) — כעבעבע, קוק איהם נאר אן, ווי ער היצט זיך!... לא די וואס איך האב איהם געגעבען אזא געזונדטע שטיק ווייב, אפרינצעסין! זאל איך אזוי לעבען! געה טראג איהם נאך אנטער קעש הונדערטער!... מע וואלט איהם דעם קלויזניק. בעדארפט ארייננשטופען אז ווייבעל ווי זיין מאמע, איז אנ׳אויסגעקראכענע נפסח׳ניצע... וועלכע האט פארקריינקט זיין טאטענס פארמעגען... אבער מיין גיטעלע מיין טאכטער וועט ניט קרענקען... ק־קיין מ־מאהל ניט! נאך ג־גנעלט וויל ער! (הויבט אן זופען פון פלאש)

צדיק. (צובעסט) ברייננגט נישט ארוף אויף אייערע ליפען דעם הייליגען נאמען, פון מיין מאמע עליה השלום! מיין געלט גיט מיר!! אלא ניט, איז היינטיגען טאג, גט! ! היינ...טיגען...

פעסי: (כאפט ארויס דאס פלעשיל בראנפען פון לייוויקס האנד) — וואס איז דאס פאר א אונגליק אויף דיר היינט!... אז ס׳איז פורים דארפען טרינקען ווי מ־מיר קיטע דער שכור? ! ... ער האט זיך שוין צוזעדט דער בעלדרשן!... פאר א ווערטער! ? דער צונג האט דיר געמענט אוים דארען ביז׳ן אקען טאטע זיסער!... (אב אין קיך. לייוויק לעגט זיך אן מיט ביידע הענד אויפ׳ן טיש לאזט אראפ דעם קאפ אויף די הענד כאפט א דרימעל. צדיק, שטעהט נעבען פענסטער, נערוועז צופט זיך די ברעגעס פון זיין קאפאטע, ווידער האלט שטיל: — גט׳ן זיך... גט׳ן זיך״... פון צווייטען צימער הערט זיך גיטעלס געוויין)

צדוק: (שטיל פאר זיך) וואס קען מען רעדען מיט א שכור?... זאל איך מיר איינמאהל פאר אלע מאהל בעשליסען, ארויסצוקריכען פון דעם זומפ?... אפשיידען א פאלע... (גיטעלס געוויין הערט זיך שטארקער) זי איז טאקע א נישקשה׳דיגע ווייבעל... צו איהר האב איך גאר נישט.. נישט גלייך צו מיין מוטער עליה השלום, זאל זי מיר מוחל זיין, געווען א קליינינטשקע, קראנקע פרוי... דאנקען גאט, וואס זי איז כאטש צו לייטען גלייך נישט קיין פערזוהעניש... (פויזע. ער בלייבט שטעהן פערטראכט, ווארפענדיג די בליקען, דא אויף לייוויקען, דא אויפ׳ן צימער וואו גיטעל איז... ענדליך לויפט ער צו צום צימער. שרייט אוים) :

— גיטעל, גיטעל! קום אריין איך בעט דיך!... (גיטעל קומט אריין ווישענדיג די אויגען. פעסי קומט אריין און בלייבט שטעהן נעבען קיך־טיהר און א דערשראקענער פאזע. צדוק נעהמט גיטלען פאר׳ן האנד)

צדוק: — הער מיך אוים גיטעל, געלד, איז בלאטע!.. מענשליכקייט, איז טהייערער פון אלעם!... דיין טאטע בעהאנדעלט אונז, זעהסט דאך ווי... ער שיקט אונז אין דער וועלט אריין!... וועק איהם אויף דעם ש... ניין ניין. אין דיין געגנווארט טהאר איך עס נישט רעדען... וועק איהם אויף, זאל ער הערען די ווערטער, וועלכע א ״בטלן״, א ״קלויזניק״ קען זאגען... גאטס וועלט איז גרויס!... און ״דער גאט וואס גיט לעבען, — גיט אויך צום לעבען״!.. קום מיט מיר!... (געהען צום טיהר)

פעסי: (ברעכט אויס מיט א געוויין) — קינדערלאך! וואוהין וועט איהר געהן? גיך איז פסח, מיט וואס וועט איהר לעבען?... וואו וועט איהר זיין?... (שרייט העכער) ער שלאפט! נישט אויפשטעהן זאל ער! ... (וויינט)

לייוויק: (גיט זיך אכאפ אויף פער שלאפען) — טפרר! לויפט ניט גאלאפ!... וואס וויינסטו, פעסי? פ־פורים, דארף מען זיין פ־פרעהליך... ניט וויינ־נען ... כע, כע כע... (זופט פון א אלעדיגער פלאש...)

פעסי: — אז פארשטערט זאל דיר זיין, דיין לעבען! טאטע זיסער, ווי די פערשטעהרסט יום טובים... פערטרייבסט קינדער פון דער היים....

גיטעל: (דורך טרעהרען) — אזוי בעהאנדלען דאס עלטערען, אנ׳אייגען קינד...

צדוק: — קום אוועק, איך דארף גארנישט!... די גרויסע וועלט, פערמאגט גוטע מענשען אויך!... מען וועט אונז העלפען די ערשטע צייט... און אויף ווייטער דארפען מען האפען; גאטס ברכה קען קומען צו אונז יעדען טאג!.. (ביידע אב)

פעסי: (וויינט ביטער) ביזט א מערדער, ניט קיין טאטע... פערטרייבסט קינדער... וואוהין?...

לייוויק: (וועלכער איז געזעסען די גאנצע צייט מיט שטארע אויגען וועלכע דריקען אוים — הרטה, קוקט ער אויף אלעמען און אלעם, וואס קומט פאר... שטעהט אויף פאלט פון די פים שרייט אוים.) — העי די, ציציק! גיטעל! קומט אהער!.. (עפענט די טיהר רופט) אז דער ט־טאטע זאגט אייך — ק־קומט אהער! דארף א כאליערע נעהמען אלע בוליגאנעם! און איהר דארפט אריין קומען!...

(צדוק און גיטעל געהען אריין ביידע אנגעטהאן און איבער בגדים)

לייוויק: — כעבעכע.. שוין אנגעטהאן... וואוהין וואלט איהר לטמישל געפ־פאהרען?...

צדוק. — (אויפגערעגט) ווינציגער דברים בטל!.. וואס האט איהר גערופען?

לייוויק: — לערנען א בלעטעל גמרא דארף איך זיך ביי דיר לערנען... נאר ווי צו לעבען אויף דער וועלט, ווי דורך׳קומען מיט מענשען, — דארפסטו זיך ביי מ׳מיר לערנ־נען... זיי ניט קיין היציגער... קאלטבלוטיג וועט זיין ג־געזונטער... די מיינסט אז דיין שווער איז א גזלן?.. כעבע.. צוגע־זאגט, איז צוגעזאגט... (שלעפט ארויס פון בוזים קעשעניע א טיכעל, וויקעלט פ׳נאנדער, נעהמט ארויס געלד) אט איז דיין נדן... (גיט איהם) ביי מיר איז 500 סמאר באוועצעס נאפליוואט... אז ג־גאט ש־שיקט צו גיטע פ־פריצים, האב איך מ־מיינע ג־געלט צוריק... (צדוק נעהמט דאס געלד און גלויבט זיך אליין נישט איז עס וואהר?... ווארפט אראפ פון זיך זיין איבער בגד, שטופט די געלד פון איין קעשעניע אין דער צווייטער נישט וויסענדיג אוים שמחה וואס צו טהאן..)

גיטעל: (כאפט ארום לייוויק׳ן, קושט איהם) — א דאנק דיר, טאטעניו! ביזט א גוטער, טייערער, טאטעניו..

פעסי: — זעהסט צדוק מיט גוטען איז בעסער... איך האב די הענד ניט געוואשען... זיין׳נס איז דא בייגעשטאנען... דער זכות פון פורים....

צדוק: — יא, שוויגער, איהר זייט גערעכט! דאס איז טאקע א 2־טער פורים׳דיגער נס! ... איז דאס ניט קיין חלום? ... (שלעפט ארויס די געלד און קוקט זיי אן) יא, עס איז ריכטיג א נס פון גאט! דער צווייטער נס פון פורים!

לייוויק: — אלע בעל־גלא׳ס ז׳זאלען צולאפעט ווערען! אבער איך ה־האב א צאקע א איידעם!... זאג זשע מ־מיר.. ד־דיין ר־רבישען.. ש־שושנת יעקב.. (זינגט)

צדוק: — איך וועל זינגען שושנת צדוק.. (קנאקט מיט די פינגער, און גלעט די פאות זינגט התלהבות׳דיג..) — ששנת יעקב צדוק איז אוים בטלן!

שושנת יעקב, צדוק ווערט א סוחר!.. (לייוויק מורמעלט זיין ״שושנתיעקב״.)

גיטעל כאפט ארום פעסין)

פ

פארהאנג

באלטימאר, מ״ד.

(פארזעצונג פון פוידזש 6)

שיקט מיר שלח מנות!

איך דארף עס זעהר נויטיג.
שיקט עס גלייך צו לייזערקע דעם פורים רב.

לכבוד דעם הייליגען פורים, פאדער איך אויף אלע מיינע ליעבע פריינד און פערעהרער מיר צו שיקען שלח מנות׳ן וואס זאלען בעשטעהן פון די פאלגענדע ארטיקלען:

ה. וויינבערגס א קאמפיין רעדע.
א. ריינווייו׳ס עדיטאריעלס (אדער טעריטאריאליזם)
י. ראזען׳ס פעליטאנען.
שמש׳ס פילאזאפישע ארטיקלען.
ערא׳ס א יריד.
אחיובל׳ס א הומארעסקע.
שלמה האלפערנס ליעבעס ליעדער.
ל. ראזענבערגס און איינאקטער
ש. כ. שאפיראס וויצען.
ה. דווארקינס קארעספאנדענצען
מ. גאלדסטיקס ציוניזמוס.
ל. גוראפסקים אידישקייט.
ה. מ. קירשענבוים׳ס סעקרעטער אמט.
דעם פוילישען רב׳ס פאות (אדער שיך און זאקען)
די מזוזות פון דער פרין שול.
לאקאל 3׳ס סאציאליזם.
רויטען קרייז׳ס אנארכיזמוס.
דעם טאלאנט פון אונזערע טהעאטער סטארס און סטאריכעס.
די תורה, חכמה און מעשים טובים (מיט׳ן ועד הכשרות צוזאמען) פון אונזערע רבנים, מוהלים און אנדערע קהל׳שע קלאימקעס.

צו וואס איך דארף די אלע ארטיקלען פרעגט איהר? — אויף ״סעם סאט״ כפרות!

לכבוד פורים

(א געדיכט אין פראזא)

א גרויסער מעכטיגער און וואונדערליכער המן טאש. פאר דיר און נאר פאר דיר טהו איך אצינד א הימליש ליעד א שמיר, ווען איך דערמאהן מיך, אז א גאנצע פאלק ווי איין פארשוין א פאלק פון גאלע גדולים, שרייבער און פראפעטען פון צייטונגען און זשורנאלען און יום טוב בלעטער און פאעטען וואס גראמען, שטראמען, רייבען דרשה׳נען און זינגען, טהוען דיך א אינדער מיט א חשק שלינגען, ראן ווער איך פאר דיר פשוט בטל קליין און קען פאר דיין בעליעבטען חן גאר גלייכגילטיג ניט שטעהן, וואו איך געה און וואו איך בין, דו לעבסט און מיין פאנטאזיע, זאגאר מיין ליעד מיין פאזיע, מיין פלוידעריי און וויץ, בעקומט דעם זעלבען זין פון א בעטעמ׳טען המן־טאש מיט מאהן.

די ווערטה פון דעם נאטירליכען בלאט
איז פאלשטענדיג פרעזערווירט אין דעם פערזיעגעלטען
"SALADA"
פעקעל. בלויז פיינע בלעטלאך, וואס וואקסען מיט העכסטע פארזיכטיגקייט מיט אן ארומא אלס היפט ציעל, ווערען גענוצט צו פראדוצירען די בעריהמטע סאלאדא געמישען.

סייפטי פוירסט
זיכערהייט קומט צוערשט

למשל, איהר האט היינט אין אכער א פייער וויסט איהר אז איהר וועט קענען קריגען הונדערט סענט פאר׳ן דאלאר פון אייער קליים? זיינען פאראן עפעס דריידלאך אין אייער פאליסי דורך וועלכע איהר וועט ניט קענען קאלעקטען אייער גאנצע פערלוסט?

פאר וואס דענקט איהר דאס אייער אינשורענס געפינט זיך אין די הענד פון די בעסטע קאמפאניס? האט איהר דאס ווען עס איז אונטערזוכט, [illegible] וויסט איהר גענוי די פינאנציעלע און מאראלישע פעראנטווארטליכקייט פון יעדער קאמפאניע וועלכע איהר גיט קרעדיט צאהלענדיג א פרימיום פאר אייער יאהרס אינשורענס.

איז עס ניט ווערטה איינלגע דאלאר א יאהר צו וויסען דאס איהר קריגט אלעס וואס איהר קומט, און דאס אין פאל פון א פייער קריגט איהר צוריק וואס איהר האט פערלארען?

Canadian Adjustment and Inspection Bureau
84 Victoria St. Pho. Main 3739

דעם קוויקעטש׳ס אנאנסען

תקנת עגונה

איך זוך מיין ליבען מאן משה וואלק גערהאליץ, ער איז דאר ווי א שפאן, הונגעריג ווי א הונד, געהט צוריסענע שיך און א פערלאטעט היטעל, לאנגע האאר הויכע פיס און א חזירשען פיסק, א באלערא זאל איהם טרעפען.

זאל ער אהיים קומען וועט איהם שוין א נכפה כאפען, איך וועל איהם שוין ווייזען ווי אזוי מען אנטלויפט פון א פרוי אין די הויכע חדשים.

ווער עס ווייסט פון איהם זאל זיך קויפען א מצוה מיט א שטיקעל לויתן פון שור הבר און מעלדען דורך דער היגער ניט עקזיסטירענדער אימיגראנט אייד סאסייטי.

פורים׳דיגע מאוווינג פיקטשורס
די טרייע פרוי (א זעלטענע נייעס)
דאס ווייב שלעט (3000 מעטער לאנג).
אויף עביג דיינע, (בלויז 3 טאג אמת).
די שעהנע דאמע (אין פארבען).
צושמעטערטעם פאמיליען גליק — (מיט דער מיטווירקונג פון דיינע פריינד).

פערלארען

מיר האבען פערלארען אונזער ציוניזם און דעמאקראטיזם, ווער עס וועט עס געפינען קען עס האלטען. מיר נויטיגען זיך ניט אין אין דעם.

פרעגט נאך אין 20 בעווערלי סטריט גיטע בעלוינונג.

פערלאנגט כשר׳ע חזיין רייבער אין א אנייע מרור פעקטארי וועלכע ווערט מארגען ערפענט.
נאכפרעגען אין חסד של אמת.

הי ברויט פראבלעמע

איז קיין פראבלעמע ניט אין דעם הויז וואו מען ווייס פון Shredded Wheat דאס גאנצע ווייץ קערנדעל איז דער אמת׳ער לעבענס שטאף, און איהר געפינט איהם אין שרעדערד וויעט ביסקיט געמאכט אין א פארמע לייכט צום פערדייען. עס ענטהאלט מעהר אמת׳ן קערפערשאפענדען מאטעריאל ווי פלייש אדער אייער, עס איז אזוי לייכט פערדייהעט און קאסט פיעל וועניגער. עס איז שפייז פאר׳ן ארבייטסמאן וואס ארבייט מיט דער האנד און מיט׳ן מוח — פאר די קינדער וואס דארפען א פאסענדע שפייז צום לערנען און שפיעלען — פאר דער הויז פרוי וואס מוז זיך ראטעווען פון דער קיך ארבייט. בעטעמ׳ט פאר פריהשטיק אדער וועלכען עס איז אנדער מאלצייט, מיט מילך אדער סמעטענע.

געמאכט אין קענעדע

City Dairy

מילך בילינג
איז ניט אימער בילינג מילך.—
גוטע מילך איז אימער בילינג מילך.

סיטי דיירי מילך
איז בילינג און גוט ווייל זי איז פאסטעריזירט

טעלעפאנירט קאלעדזש 2040
אדער רופט אונזער דרייווער ווען ער פאהרט פארביי אייער הויז, — אדער קענט איהם בעמערקען יעדען פריהמארגען.

21 פיינט טיקעטס פיר $1.00

די פרשנדתא געמיינדע
פאבלישערס
— רעדאגירט פון —
ווזתא'ס איניקעל

דער פורים קוילעטש

א ציימונג וועלכע ערשיינט נאר, ווען מען עסט המן־טאשען.

א רים און א בים
איז ווירקזאמער
ווי א קוש און א
קאמפלימענט. : :

פורים לאמיר זאגען פונ'ם יאהר תרע'
זונטאג, מערץ דער 19־טער 1916
פרייז: א סענט אייב איהר האט

אונזער אני מאמין

מיר זיינען געקומען צו שטעהן.
אונזער מאטא איז קורץ און שארף.
א רים און בים איז ווירקזאמער ווי א קוש און א קאמפלימענט.
ווארום האבען מיר זיך געגרינדעט, ווילט איהר פרעגען
אט נאם אייך אונזער ענטפער.

מיר ווילען ריינער מאכען די לופט. מיר ווילען אז מענשען זאלען קענען לעבען. און ניט דערשטיקט ווערען פונ'ם ריח נחוה, וועלכער צי־טראגט זיך פון אלע אונזערע קאלעפעל און כלל פערזארגער. די אלע וואס רופען זיך אן מיט דעם הייליגען נאמען פון דער "קאמיוניטי".

מיר וועלען ניט שוינען קיינעם און אלעמען רייסען און בייסען.

מיר וועלען ארונטעררייסען פון זיי די תחתונים, און צייגען זיי פאר דער וועלט אין זייער אמת'ן געשטאלט. מיר וועלען זיי אזוי לאנג בייסען, ביז וואנען זיי וועלען זיך זעלבסט, מיט די אייגענע ידים מאכען א טויט, און דאן ערשט אוועקגעהן צו דער חסד של אמת, בעטען אן אומזיסטען פלאץ.

דאס אלטע מוז שטארבען, און מאכען פלאץ פאר'ן נייעם, פאר דעם וועלען מיר קעמפען, און נור צוליעב דעם. וועלען מיר אונזערע טינט־צייהן און נעגעל ארייננשטעקען אין יעדען איינעם, וואס געהערט צו דער אלטער וועלט.

מוטער נאקעט, וועלען מיר אייך צייגען פאר דער מוטער ערד, און מיר וועלען אייך דאן איבערלאזען צו אייער אייגענעם משפט.

מיר זאגען אייך פריהער, אז מיר וועלען זיין סטריקטלי.
און דהאט'ס אלל.

אזעלכע טערעבענענצען ווי מיר וועלען אייך געבען, וועלען אייך וואויל בעקומען. קורץ, מיר האבען אייך אונזער "אני מאמין" ערקלעהרט, און מיר געהען איבער צו דער ארביים.

נייעס און טעלעגראמען

(פון אונזערע אייגענע רעפארטערס)

רעוואלוציאן אין שושן

שושן — זייט אחשורוש האט ארויסגעגעבען זיין בעפעהל אז והיה כל איש שורר ביביתו, נעהט הודו מיט כוש ארום כאראם. א דעפוטאציע פון סאפראדזשעטקעס האט זיך געווענדעט צום פרעמיער המן ער זאל עפעס זעהן טהון אין געשעפט עס שמעקט מיט רעוואלוציע.?

באלטישער ים. — א רוסישע פאטרול שיף האט דערזעהען א טומאן אויפ'ן ים און האט גלייך בעריכטעט וועגען דעם צו דער הויפט קוואטיר. א סקוואדראן שיפען זיינען ארויסגעשיקט געווארען גלייך צו כאפען און ברענגען איהם טויט אדער לעבעדיג.

שושן — דער פראצעס פון המן'ן מיט זיינע זיהן געהט נאך אן.

ויזתא איז דער פערטהיידיגער, און מרדכי איז דער קראון אטורני.

המן מיט זיינע זיהן ווערען אנגעקלאגט אין האכפערראטה און קאנספיראציע אויסצוקוילענען עפעס אזא מין פאלק וועלכע הייסען אידען, און וועלכע האבען שטארק געשכורט ביי אחשורוש'ן אויף דער "פארע".

לויט דער פראצעס האלט יעצט, איז מרדכי דער קראון אטארני זעהר שטארק און עס איז א סברה אז המן מיט די זיהן וועלען פערמשפט ווערען אויף דער תליה.

ווארט אויף ווייטערע איינצעלהייטען.

עסטרייכישע סאלדאטען גרייט צו אן אטאקע.

(דורך א ספעציעלען קוריער צום פורים קוילעטש)

מזרח שלאכט פעלד.

אפרים יאסעלס סאלדאטען האבע אנגעלאדען די — — — פורים גראגערס און האבען זיך געמאכט פערטיג צו — — — לייענען די מגלה.

מאסקווא. — דאס אינערען מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אין וועלכען עס ווערט ארויפגעלעגט א שטראף פון דריי טויזענד רובעל און פינף יאהר קאטארגע אויף די וועלכע וועלען עובר זיין אויף'ן געזעץ און וועלען קלאפען המן'ען צו דער מגלה.

דער קעניג האט א שלאפלאזע נאכט

שושן — אין שטאדט קאכט זיך זעהר שטארק, מען שמועסט אז קעניג אחשורוש האט נעכטען אבענד ניט געקענט שלאפען.

פרשיעדענע קלאנגען טראגען זיך ארום וועגען דעם.

אנדערע זאגען אז איהם פלאגט זיין געוויסען וואס ער האט זיך אזוי מערדעריש בעגאנגען מיט זיין ושתין.

איך אייער קארעספאנדענט האב זיך אבער דערוואוסט פון זעהר זיכערע קוועלען אז שולדיג אין דעם איז אסתר. זי האט איהם א גאנצע נאכט ניט געלאזען שלאפען, ווי א יונג ווייבעל ערשט נאך דער חתונה. . .

א בלוטיגע נאכט אטאקע

כוש. — דער אידישער רעגימענט המן קלאפערס אונטער דערפיהרערשאפט פון קאמאנדיישטשי וואיסקאמי". גענעראל מאיאר מרדכי האבען נעכטען שפעט ביינאכט געמאכט א פלוצלונגע אטאקע אויף'ן שונא. עס איז געקומען צו א האנד צו האנד קאמפף.

די שלאכט איז געווען איינע פון די געפעהרליכסטע אין דער יעצטיגער בלוטיגער מלחמה. מען האט געקלאפט מיט העלצער, מיט די פיס און מיט גראגערס פון די קלעפ האט זיך אזש די ערד געטרייסעלט און געזיעגט האט דער המן קלאפער רעגימענט.

המן איז צוקלאפט געווארען אויף איש.

א סאבמארין זינקט א א פאסאזשיר שיף

הדו — א גרויסע קאטאסטראפע האט דא פאסירט, ווען קאפיטאן המן האט געפיהרט זיין פאסאזשיר שיף "כן יעשה לאיש" האט פלוצלונג א טארפידא פון דער סובמארין זרש 23 געטראפען דער שיף און דער קאפיטאן המן איז בעוואשען געווארען מיט ניט קיין זעהר אנגענעהמער געדיכטער וואסער. דער פאסאזשיר מרדכי האט זיך גערעטעט.

פעראורטהיילט צום טויט

שושן — המן'ס פראצעס איז שוין צו ענדע.

דער קראון "אטורני מרדכי האט געזיעגט. המן איז פעראורטהיילט געווארען צו שטארבען אויף דער תליה אין דער וואך וואס פאנגט זיך אן מיט י"ג אדר ב'.

לאקאלע פאסירונגען

(פון אונזערע אייגענע רעפארטערספ)

י. ראזען איז מעוברת געווארען מיט א נייעם פעליטאן.

דזשאדזש קאהען האט בעשטראפט 39 אידען, וועלכע האבען ניט געפאסט אסתר תענית מיט ניינציג טעג הארד לייבאר.

אונזערער א רעפארטער איז געוואר געווארען, אז די היגע בני ציון פיהרען פערהאנדלונגען מיט'ן לאקאל דריי ס. ד. פ. אום צו מאכען א פעראייניגטע אטאקע אויף אלע פראנטען פון דעם פאלקס פערבאנד.

מר. ב. סטאון און מר. סעם איסער וועלען אין פאל פון א פעראייניגונג צוזאמענשטעלען דעם גענעראל שטאב.

די היגע פועלי ציון האבען לעצטענס אריינגענומען 9 נייע חברות. די ארגאניזאציע האט דארום בעשלאסען צו מאכען א קעמפיין פאר 9 נייע חברים, און איינעם אין רעזערוו.

ביי די היגע אנארכיסטען איז חשך ואפלה. מען האט געכאפט אן אלטען גענגאבע עסענדיג א המן טאש, און זיך נאך פארסמאקעוועט דערביי.

מען גרייט זיך איהם צו רופען צו אן עהרען געריכט.

* * *

די היגע נאציאנאל ראדיקאלע שולע האט אייסשטימיג בעשלאסען אז יעדער שילער און שילערין מוז זיך סובסקרייבען אויף'ן "התורן" און "העברי"

די אונגליקליכע אסתר

א העכסט סענזאציאנעלער און שפאנענדער ראמאן. פונ'ם אידישען לעבען אין הדו און כוש, פול מיט ליעבע האס און בלוטיגער ראכע אין זיעבען טהיילען

פון בראצאווסקי

ווען ער האט זי דערזעהען, האט אין איהם אויפגעברויזט זיין בלוט.....

ערשט יעצט האט ער פערשטאנען וואס עס הייסט ליעבע אויף דער וועלט.....

ער האט געוואוסט אז ניט גרינג וועט עס איהם אנקומען, ווייל איהר פעטער דע־אפעקון איהרער איז א פאנאטיקער און וויל ניט פערשטעהן וואס ליעבע איז....

ער האט אבער זיינע האפנונגען ניט אויפ געגעבען.

ערשטער טהייל.

די שעהנע אסתר !

אזוי האט מען זי גערופען אין הדו און כוש איבעראל איז זי בעקאנט געווען אנדערע האבען זי גערופען די אונגליקליכע יתומה זי האט נעבאך ניט געהאט קיין טאטען און קיין מאמען און האט זיך געהארעוועט ביי איהר פעטער א גרויסער פאנאטיקער, וועלכער האט זי געהאלטען אין צוים און האט זי ניט ארויסגעלאזען אויף יענער זייט שוועל, אזא שעהנהייט האט אבער ארויסגעשיינט פון פענסטער.

צווייטער טהייל.

שטעהענדיג איינמאל ביים פענסטער און ארויסקוקענדיג - אויפ'ן גאס האט זי איהם דערזעהען איהר הארץ האט א טיאכקע געטהאן, זי איז רויט געווארען ווי די פערגעהענדע זון און האט זיך אבגעקעהרט, איהר הארץ האט געלעכצעט נאך איהם.

אין דעם איז אריינגעקומען איהר פעטער און האט זיך איהר געהייסען אנטהאן אין איהרע שבת דיגע קליידער, ווייל א חתן דארף איהר קומען אנקוקען

פאר גרויס הארצווייטאג איז זי אריין צו זיך אין צימער, און איז מיט א געוויין צוגעפאלען צום קישען.......

דריטער טהייל.

זי האט ביי זיך פעסט בעשלאסען ניט צו געהארכען איהר פעטער און זיך ניט פערבינדען מיט דעם צו וועלכען איהר הארץ ציהט ניט.

זי האט בעשלאסען צו קעמפפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט און פאלען ווי א העלד.

מיט איין שפרונג איז זי ארונטער פון בעט און האט אנגעפאנגען צו זאמענצונעהמען איהרע קליידער אבער אין דעם איז איפ'ן שוועל ערשינען איהר פעטער.

מיט א פיערכטליכען געשריי איז זי צוריקגעפאלען אויף אהר געלעגער.

4־טער טהייל.

ער איז אומגעגאנגען אהן א קאפ. ער האט אלין געזוכט פלענער ווי אזוי זי ארויס צוראטעווען פון איהר דעספאטישען פעטערס הענט וועלכער האט זי געוואלט פערשלייערן פאר א רייכען הולטאי פיעלע שלאפלאזע נעכט האט ער פערבראכט, ביז ער איז געקומען צום בעשלים, אז אזוי דארף עס זיין און אזוי מוז עס זיין. ער מוז עס טהאן אונטער אלע אומשטענדען אפילו די וועלט זאל אונטערגעהן.

און געפאסט מיט זיין בעשלוס איז ער אוועק צו איהר.

5־טער טהייל

מרדכי איהר פעטער האט געמאכט אלע פלענער פערטיג, ער האט שוין בעשיינפערליך געזעהען וואס פאר א נחת ער האט דערלעבט פון זיין פלימעניצע. פיהרענדיג איהר חתן צו זיך א היים ער האט זיך אין דער פאנטאזיע געמאהלען ווי גליקליך ער וועט זיין אז ער וועט איהם האבען פאר אן איידים. ער האט שוין זא גאר אויסגערעכענט וואס ער וועט טהאן מיט דאס געלד וואס ער וועט בעקומען.

פרעהליך און איבערגליקליך זענען זיי ביידע אריין אין הויז. ווי איבערראשט זענען זיי אבער געווארען ווען אריינקומענדיג האבען זיי קיינעם ניט געטראפען.

6־טער טהייל.

שטאלץ און מיט מוטה ווי א גזלן איז ער אוועק צו איהר, מיט דעם געדאנק אז ער מוז זי רעטען פארזיכטיג האט ער געעפענט די טהיר און זעהענדיג אז קיינער איז אין הויז ניטא האט ער אויסגענוצט דעם מאמענט, און איז מיט שטילע טריט צוגעגאנגען צו איהר צימער.

פון דער האלב אפענער טהיר האט ער זי דערזעהען ליגענדיג אויפ'ן בעט א פענאנדערגעבלויזטע.

איהר קלאהרע ליב, האט איהם א שיין געטהאן אין די אויגען.

מעהר האט ער זיך ניט געקענט צו ריק האלטען מיט שטילע טריט איז ער צו געגאנגען צו איהר בעט און איבערבייגענדיג זיך איבער איהר געלעגער האט ער אבגעפרעסט א קיש אויף איהרע קארשען רויטע ליפען, און זי האט זיך מיט שרעק אויף געכאפט.

אבער דערזעהענדיג איהם האט זיך א ליעבליכער שמייכעל איבער איהרע ליפען פערשפרייט, און זי האט ווי אין א זיסען טרוים צוגעמאכט צוריק די אויגען...

7־טער טהייל.

ווען זיי זיינען אנטלאפען פון הדו זענען זיי מיט'ן ערשטען צוג אנגעקומען אין כוש זי האט איהם געגלויבט.... און ער איז געווען איהר פערפיהרער, און ווען איהר פעטער האט זי געפונען איז עס בלויז געווען א שאטען פון דער אמאליגער שעהנער אסתר.

איהר זיסער טרוים, איז פערהוירקליכט געווארען מיט א האלבען טוץ קליינע קינדערלאך און דער דעספאטישער פעטער האט מעהר פון איהר ניט געוואלט וויסען.....

ענדע.

פורים איז יא א יום טוב

(א מאנאלאג פון א שניידער)

איבערגעגעבען צום דרוק פון א הינקעדיגען שניידער.

א גוטען פורים אייך אידען !

היינט רבותי נעהם איך א גוט ביסעל י"ש אין שכור זיך אן אזוי, אז איך זאל ניט וויסען פון ארור מרדכי ביז ברוך המן, טפו זאל דאס ווערען איך מיין פערקעהרט מיין איך, פון ברוך מרדכי ביז ארור המן.

איהר זעהט עס פלאנטערט זיך מיר דער צינג פלאנטערט זיך מיר.

פרעהליך מוזען מיר זיין, איהר הערט אידען פרעהליך...

וואס איז די שמחה פרעגט איהר ? איז אויב איהר פרעגט עס זענט איהר אויך א טיפוש. וואס פאר א פראגע ? און דעם זיעג וואס אחשורוש האט געהאט איבער זיין מרשעת ושתין איז ביי אייך א קלייניגקייט ?

שטעלט אייך פאר קען דען זיין א גרעסערער זיעג פאר אונז מענער איידער דער זיעג וועלכען דער מלך טפוש האט גע האט, ווי די גמרא רופט איהם אן.

איהר מעגט מיר גלויבען אז קוים האט ער שכל געהאט אוועקצושיקען ושתין אין גן עדן אריין איז ער שוין קיין טפוש ניט געווען, נאר איך וועל אייך זאגען דעם אמת איך בין חושד אז די גמרא איז געשריבען געווארען פון ווייבער אין דערפאר האבען זיי איהם א נאמען געגעבען טפוש.

אוי די ווייבער הערט איהר ווען איך בין אחשורוש וואלט איך ניט נאר אוועקגע שיקט ושתין צום מלאך מיט די טויזענד אויגען נאר איך וואלט צונויף גענומען אלע ווייבער פון הודו ביז כוש, און וואלט זיי אבגעשיקט מיט דער זעלבער דייטשער סובמארין, אפילו מיין אייגענע ווייבעל אייך.

איהר קענט ניט מיין ווייבעל ?

עס וועט זיין בעסער פאר אייך אז איהר וועט זי ניט קענען, ווארום טאמער בעקענט איהר זיך מיט איהר זענט איהר ניט זיכער מיט אייער פורים קוילעטש.

איהר וואלט פערשפארט מיט צוגעהמען מיט זיך א קאלעקטע אין שוהל אריין געהענדיג צו דער מגלה. עס וואלט אייך אזוי אויך געקלאפט אין קאפ און געזשומעט אין די אויערען.

יום טוב פורים האט חאטש בעדארפט זיין א יאהר, א האלבען, א מאנאט, כאטש א וואך אבי ניט אזא קורצע צייט. אידען האבען זיך איינגעשמועסט אז פסח איז א יום טוב פון פרייהייט, טיפשים. פורים זאג איך, פורים איז דער ריכטיגער יום טויב. ווען ניט דער טאג פורים וואלט איך גאר ניט געוואוסט אז איך לעב אויף דער וועלט. פורים אידען איז די רעגעלע גודס", איך בין שוין אייך מוחל די מגילה די סעודה און דעם השתיה כדת. דעם רעספעקט וואס איך האב פון מיין אידענע, דאס איז ווערטה דאס געלד. א מאיאנטיק איז דאס ווערטה, איהר האט גאר קיין בעגריעף ניט ווי אבצושאצען עס.

שטעלט אייך פאר, ווען איך קום פון דער מגילה, שטעהט שוין דער סאפער אויפ'ן טיש אנגעגרייט מיט אלע מכשירים און וואלט איך דאס אנגעלעבט ביי מיין אידענע ווען ניט דער געטליכער פורים.

ושתי, טהו איך א געשריי, זאלץ צום טיש, עס איז קיין זאלץ ניטא.

אין א סעקונדע ווערט בעשאפען זאלץ אויפ'ן טיש. זי ציטערט פאר מיין בליק. ווארום אז ניט ווייס זי גאנץ גוט וואס פאר א פסק עס ערווארטעט זי. זי האט אמאהל געלייענט אין דעם "פעטשיעניע מיט ווארעניע" ווי זי רופט עס וואס ושתי'ס סוף איז געווען פאר ניט פאלגען דעם מלך.

טאמער דערלאנגט זי עס ניט אזוי שנעל טהו איך גלייך א געשריי מיט אחשורוש'ס גדלות צו מיין חאליאסטריע (איך האב זיבען בנים פיקערס חוץ מיידלאך) מה יעשה ? ענטפערען זיי גלייך אויף'ן ארט מיט א נגון פון דער מגילה : "ויפקד המלך פ—ק—די—ם, בכל מדנות מלכותו" — איהר פערשטעהט צו ניין ! מיינע אז זי דערהערט עס ווערט זי א פערציטערטע. עס פאנגען איהר אן צו טרייסלען הענד און פיס, אויף'ן טיש ווערט גלייך בעשאפען פון כל טוב, פון פויגעל מיל, פון וואס א מויל קען רעדען. און איך זיץ מיר ווי א מלך אויבען אן און עס קוועלען מיר אן מיינע גליעדער. איין קלייניגקייט ווען קען איך אנלעבען אזא נחת. אז מיין גרונע באשע, ושתי מיין איך זאל כאפען די ערד פאר מיר ווי פורים לעבען, אידען איהר ווייסט גאר ניט וואס עס הייסט גוטס אויף דער וועלט. זיין א פרייער פויגעל ניט מורא האבען פאר ושתין מאכען וויפיעל כסות איהר ווילט אליין.

נו, בין איך ניט גערעכט ז איך זאג אז דער איינציגער יום טוב איז פורים, מאכט ושע א בוסע און טרינקט לחיים.

שלח מנות פלעכטלאך

פארנאנדער געשיקט צו יעדען איינעם אהיים מיט'ן בראדער שמש.

צום ועד הכשרות :
א פאטענט אויף אלע טאראנטאר בחורים און מיידלאך זיי זאלען זיך ניט טארען קושען אהן א הכשר פון ועד הכשרות.

דער טשאריטי פעדערייששאן !
צוויי דעלעגאטען פון דער חריין־רייבער יוניאן. צוויי פון דער המן־קלאפער יוניאן און פינאטס פערקויפער יוניאן. דער פרעזידענט זאל האבען מיט וועמען צו האלטען א מיטינג.

ל. גוראפסקי, "קלל טהור" (כלל טהוער)
א אידישען רעגימענט סאלדאטען פון צוויי טויזענד, איבער וועלכע ער זאל זיין דער קאמאנדיר.

ב. סטאנען !
קענעדער אבאסאדאר אין ארץ ישראל און א מיידעל מיט עטליכע טויזענד דאלאר נדן.

ע. י. קענען !
א בעצאהלטען פארוק, ער זאל קענען האבען אייגענע האאר אויף'ן קאפ.

רבי דזשייקאבס !
בראמבערגס אידיש, ריינוויינס ציוניזם, י. ראזענס א פעליטאן, און שלום עליכם'ס "דייטש".

דזשאדזש קאהאן !
עטליכע אידען צו בעשטראפען מיט 10 דאלאר און קאסטען פאר ניט שפרינגען קיין קדוש.

מר. סיליק !
א ווייבעל אויף צו קאכען דינערס און סאפערס.

מרס. סיליק !
נאך עטליכע מיטינגס צו אטענדען.

צום פאלקס פעראיין :
דעם פרעזידענט — א ווייסע נאזטיכעל זיך אבצואווישען די נאז נאך א חתונה רעדע.
דעם וויס פרעזידענט — עטליכע אידען צו געבען א "קלאוז שייוו".
דעם טרעזשורער — עטליכע שעהנע מיידלאך און ווייבלאך.
דעם סעקרעטער — א דזשאב אלס משגיח אויף כשר'ע מקואות, צו מאכען א לעבען.

דעם פוילישען רב !
רבי גארדאנס עטליכע אויסגעצאהלטע הייזקעס אהן מארגיידזשעס.

רבי פריים'ן !
א שלאס אויף'ן צונג, און נאך א שווער וועלכער זאל געבען קעסט, ווען דער יעצטיגער וועט אויפהערן געבען.

חזן קאפלאן !
א שטימע. . .

חזן וולאדאווסקין
די ווייזשעס וועלכע איהם קומט פון דער גיאל צדק שוהל.

ל. טרעדלער'ן
א פאמוניצע, און א רויטע יארמולקע

מר. ה. וויינבערגען !
99,999 אידישע שטימען.

חנן דווארקין !
עטליכע קרערענשעלס.

מ. גאלדסטיק און מ. יאמפאלסקי !
עטליכע אלמנות אויסצוקלייבען.

רבי גארדאן !
נאך א פאלקס פעראיין וועמען ער זאל איבערגעבען זיין חסד של אמת.

די מלחמה קרבנות
עטליכע סענט פון דעם מלחמה קאנפערענץ.

אלדערמאן זינגער !
א נאכט טעפעל וועלכען ער זאל האבען אין סיטי קאנסול און ניט דארפען ארויסגעהן פון מיטינג ווען מען דארף אבשטימען א אידישע ארדער אן ארבייטער פראגע.

א. ניסענעוויטשען
א שטעלע אין תלמוד תורה.

ב. נאטאנזאהן
א אידישען ווערטער בוך.

י. מאטענקא
א פארלאמענט־מיטגליער שטעלע אין סענטער טאראנטא אויף'ן קאנסערוואטיווען טיקעט.

טשרלי גארפינקעל
א באקס "פיג טאפס" פאר דעם נעקסטען סמאיקער פון דער היברו קאנסערוואטיוו אסאסיאיישאן.

פראפעסאר גלאז
א פאאר אלטע שופרות, און א שפיציג בערדעל.

רבי ליוואי
א 25 יאהריגען אגרימענט פון דער רוסישער שוהל.

ח. א. שובין
1,000,000 תלמידים פאר זיין בית ספר עברי".

רבי וויינריב
א מארגיידזש אויף דער גאליציאנער שוהל און מעמבערס.

ב. שאץ
פרעזידענטשאפט פונ'ם ציון קאנסול

מ. פאקטאר
א ראזען הילצערנע ביקסלאך פאר זיינע סאלדאטשיקעס.

ש. עלשטיין
"צאן קדשים."

מיין חלום

אינ'ם יאהר 2025

חלום חלמתי, עס האט זיך מיר געחלומט אז אט זיינען מיר שוין פון לאנג אריין אין דעם דריטען קריסטליכען טויזענד און מיינע אלע פארשוינען וועלכע איך האב נאך געקענט אין דעם אלף השני האבען זיך אלע ארויסגעארבייט, און געשפיעלט א גרויסע ראליע.

מר ב, סטאן האט זיך אויסגעלערנט ענגליש און קען שוין פיהרען א טשער אין ענגליש אין דער ארענא.

מר. ה. וויינבערג, איז שוין צום דריטען מאהל ערוועהלט געווארען אלס מעיאר פון דער סיטי אף טאראנטא.

מר. א. ראם, פערנעהמט די שטעלע פון ארבייטס מיניסטער אינ'ם אטאווער קאבינעט.

מר. פ. ליוואי האט געשלאסען שלום מיט'ן מלחמה קאנפערענץ, וועלכער זאמעלט נאך אלס געלד.

מר. א. בראמבערג איז שוין פון לאנג אבגעפאהרען פון טאראנטא און האלט א העברעאישע פראפעסאר שטעלע אין יפור ער גימנאזיום.

וואס זאגט איהר צו אזא חלום ?

ושתי

(א שטיקעלע מגלה)

אט אויף וועמען עס טהוט מיר וועה דאס הארץ

שטיל, רוהיג האט מען זי געטויט.

א שעהן רייצענדע פרוי, א קייסערינע אין די בליהענדע יאהרען האט מען פון דער וועלט אומגעבראכט און — גאר נישט.

פרעג פאר וואס, פאר ווען ? באשר זי האט ניט געוואלט פאלגען איהר מאן, דעם טפוש, צו ווייזען זיך נאקעטערהייד, בפני כל עם ועדה.

די ארימע ושתי נעבאך (אזוי ווי מיין באבע עליה השלום) האט ניט געוואוסט פון קיין הייגטמאדישע דורכזיכטיגע בלוזקעס און טאנגאא קלייהער אין וועלכע זי האט געקענט אריין קומען צום קיסר און יוצא זיין לכל הדועת אפילו פאר'ן טהעאטער פובליקום.

יעצט קיינער רעדט ניט פון איהר, ניט מען שעלט זי, ניט מען בענשט זי, ניט מען עסט עפעס אויף איהר נאמען (האט איהר שוין געגעסען א ושתי?) קיינער האט זי ניט פעראייביגט. די ערשטע סאפראזשיסטקע וואס האט מיט איהר לעבען בעצאהלט אין קאמפף פאר פרויען רעכטע פאר פרויען עהרע איז געבליבען פערגעסען און פערלאזט, און מען לאכט פון איהר אין די נייע פרויען בעוועגונגען ?

אנשטאט צו הייסען "ושתיסטקעס" הייסען זיי גאר "סאפראזשיסטקעס".

איך קען ניט צוזעהען קיין פרויען עולות, איך נעהם זיך שטענדיג אן פאר פרויען יושר און לעב מיט מיינע פרויען פריעדען אזוי לאנג ווי זיי בעשטעהען.

וגם "ושתיסטקעס" זכרונן לטוב.

אויפ'ן שפיץ קוילעטש

פון מאיר'קען.

אחשורוש. — א מלך וועלכער האט געמענט ביי אונזער ניקאלאיען קומען פוצען די שטיוועל און פעטשערס הייצען.
ושתי. — א פערברענטע סאפראדזשעטקע געגען וועלכער מאדאם פענקהורסט איז א הונד.
מרדכי. — א פעררעטהער און א שפיאן, וועלכער האט זיך ניט וואס צו שעהמען געגען אזאווען.
אסתר. — א מאדערנע יפת תואר וועלכע וועט פאר א אויטאמאביל און קרוין אויפ'ן קאפ געהן אפילו צו אזא הולטאי ווי אחשורוש.
המן. — א נארישער פריים מיניסטער פון א טיפוש א קעניג וועלכער האט ניט געקענט געפינען קיין אנדער עצה ווי פטור ווערען פון די אידען נור בלויז זיי אויסקוילענען.
זרש. — א אידענע וועלכע טראגט דעם ספאדיק און פיהרט ארויף דעם מאן אויף'ן גליטש.
ויזתא, — אזא מאטעריאל פון וועלכען עס זיינען געמאכט אלע אידישע מלמדים, חזנים, רבנים, אידישע כלל טהוער, מוהלים און זא ווייטער.
איש ימיני — דערצו נאך א רעכטער מענש.
מגלה — א ראמאן ניט געשטויגען און ניט געפלויגען אבער דאך אינטערעסאנט.
פורים — איז קיין יום טוב ניט און קדחת איז קיין קרענק ניט, דאך איז בעסער אלע טאג פורים איידער קדחת א טאג איבער א טאג.
המן'ס מפלה — א שעהנער שפיצעל.
המן טאש — א נאשעריי מיט שפיצען אויף איין צאהן.
גראגער — דער סימבאל פון א מאדערן דערנעם פריידיגער.
שושן פורים — איז נאך פורים.
פורים קטן — א יום טוב ווי וויס פרעזידענט אן אמט.
פרשנדתא — א אידישער פאעט וואס "דלפון" זיין אינגערער ברודער שלעפט זיך איהם נאך.

מיין שלח מנות

(צוגעשיקט פון יעדען לעזער)

דעם רעדאקטאר — גודניקעס.
דעם זשורנאל — מלחמות.
די מיטארבייטער — א רייז
די רבנים — א ועד הכשרות.
די צדקה כללית — א פרעזידענט.
דעם פאלקס פעראיין — חתונות.
די דאקטוירים — א מגפה
די פועלי ציון — גוטע חברות.
דער יאנג מענס היברו — אידיש
פוילישע יאנג מענס — א אידישען נאמען.
נאציאנאל ראדיקאלע שולע — מזוזות
די ציוניסטען — העברייאיש.

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)